STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11409

# ROBERT OUEN UN DI KOOPERATIVE BAVEGUNG

Moses Birstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ראָבערט אָוען

און די

# קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

פון משה בירשטיין

ארויסגעגעבען פון
די דזשענעראל עדיוקיישאָן קאָמיטע
אינדעפּענדענט ארבייטער רינג
באָסטאָן, 1921

General Office:
INDEPENDENT WORKMENS CIRCLE
86 Leverett Street Boston 14, Mass.

Copyright, 1921
By Independent Workmens Circle of America, Inc.
All rights reserved

Ind. Workmens Circle Printing Plant
86 Leverett Street, Boston, Mass.



ראָבערט אָועז
דער פאָטער פון דעם ענגלישען סאָציאַליזם
פון א בילד געמאָהלען אין 1826 פון פיקערסגיל

## אינהאלט:

פאָרוואָרט—דר. ה. ט. שניטקינד.
איינלייטונג.

### קאַפּיטעל א

1) דעפיניציאָן.
2) ענטשטעהונג פון דעם קאָאָפּעראַטיווען געדאַנק.
3) דער ערשטער ערפאָלגרייכער קאָאָפּעראַטיוו.

### קאַפּיטעל ב

1) ראָבערט אָועןָ.
2) די סאָציאַלע לאַגע פון זיין צייט.
3) ראָבערט אָועןָ'ס אידעען.

### קאַפּיטעל ג

1) סאָציאַלע עקספּערימענטען ביי אָועןָ.
2) אָועןָ'ס אנדערע טעטיגקייטען.
3) אָועןָ'ס עקאָנאָמישע טעאָריע.
4) אַמעריקאַנער קאָלאָניע ניו האַרמאָני.
5) זיינע צייט גענאָסען.
6) אָועןָ'ס לעצטע יאָהרען.

### קאַפּיטעל ד

1) די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג נאָך אָועןָ'ס טויט.
2) אויסשפּרייטונג אין מערב אייראָפּאַ.
3) אין אַנדערע לענדער.
4) אין די פאראייניגטע שטאַאַטען.

### קאַפּיטעל ה

1) דער אָנפאַנג פון קאָאָפּעראַציאָן ביי אידען.
2) אידישע קאָאָפּעראַציאָן אין אמעריקא.
3) אין ארץ ישראל.
4) די קאָאָפּעראַטיווע טעטיגקייט פון דעם אינדעפּענדענט ארבייטער רינג.
5) אויסזיכטען פאַר דער צוקונפט.

# פאָרוואָרט

## פון דר. ה. ט. שניטקינד

דער איינצעלנער מענש איז ניט א באזונדערע באשעפעניש, זאָנדערען א גליעד פון דער גאנצער מענשהייט, און דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סיסטעם פון א נאציאָן זיינען די הארץ און לונגען פון דיעזער נאציאָן. א סיסטעם וואָס ערלויבט איינעם אָנצוקלייבען מיליאָנען און דעם אנדערען—אויסצוגעהן פון הונגער, איז ווי א קראנקע הארץ וואָס פּאָמפּעט אריין צופיעל בלוט אין איין גליעד און לאָזט דעם אנדערען גליעד אָפּשטארבען, דערפאר וואָס עס פארשאפט איהם ניט גענוג בלוט. דער קאפּיטאליזם איז א געשוויר אויף דער מענשהייט, און קאָאָפּעראציאָן איז די הארמאָנישע מיטווירקונג פון אלע גליעדער וואָס ערלויבט די מענשהייט אויסצוקוועטשען דעם געשוויר און אויסצורייניגען איהר בלוט.

א געזעלשאפט וועלכע איז אזוי קאפּויר איינגעאָרדענט אז איינער איז געצוואונגען צו זיין אָרים ווען דער אנדערער איז רייך, איז ווי א קערפּער אין וועלכען דער מאָגען מוז ווערען קראנק ווען די קאָפּ איז געזונד. אין אזא מין געזעלשאפט לעבען מיר איצטער. דער קלאסען-קאמפּף צווישען די רייכע און די אָרימע איז ווי א קאמפּף צווישען די הענד און די פיס פון'ם זעלבען קערפּער. עס מאכט ניט אויס ווער עס געווינט דעם שטרייט. כל זמן איינער מוז ווערען פארקריפּעלט כדי דער אנדערער זאָל שטארק ווערען, וועט די קערפּערשאפט פון דער מענשהייט פארבלייבען קראנק. נאָר דאן וועט זי אויסגעהיילט ווערען ווען קיין איין קלאס אָדער גרופּע מענשען וועט זיך ניט שטעלען העכער פון די איבעריגע, און דיעזען ציעל קענען מיר דערגרייכען בלויז דורך קאָאָפּעראציאָן.

ביסלעכווייז קומען מיר צום פארשטאנד אז דער שעהנסטער און דער בעסטער וועג צו לעבען איז ניט ווי הינד צווישען וועלכע

מ׳וואַרפט אריין א פעטען ביינדעל, אָדער ווי באַרבאַרען אויף א חתונה וואו יעדער זוכט צו פאַרכאַפּען דעם גרעסטען חלק ביים טיש. די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט איז א לאַנגזאַמע און שווע־רע רייזע פון רייסערייען צו אחדות, פון קאָנקורענץ צו קאָ־אָפּעראַציע. אין דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מוז יעדער ערפאָלגרייכער מענש קלעטערען צו זיין ציעל איבער די פאַרוואונדעטע און טוידטע קערפּער פון זיינע מיטמענשען. איינער פון די גרעסטע ליגענס פון אונזערע קאַפּיטאַליסטישע לעה־רער איז די באַהויפּטונג אז „ביזנעס סוקסעס קומט דורך סוירווים״, ד. ה. אז דער גנב קומט ביי מיר גנב׳ענען פון מיין טובה וועגען. אָבער אין א קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט איז נאָר דאַן דער איינ־צעלנער מיטגליעד צופריעדען ווען אַלע אנדערע מיטגליעדער זיינען צוזאַמען מיט איהם צופריעדען.

די געגנער פון קאָאָפּעראַציע באַהויפּטען אז דאָס וואָס די ער־שטע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס זיינען דורכגעפאַלען איז א סימן אז דער קאָאָפּעראַטיווער אידעאַל איז אַן אונמעגליכקייט. זיי פאַרגע־סען אָבער אז כּדי אויסצולערנען וועלכע עס איז אַרבייט מוז דער לעהרלינג פאַמעליך און פאַרזיכטיג אנפאַנגען. עס איז דאָך לעכער־ליך צו באַהויפּטען אז דער באַרבער וואָס שניידט איין זיין ערשטען קליענט וועט שוין קיין מאָל ניט ווערען א גוטער באַרבער, און אז דער אינגעל וואָס הויבט זיך אָן לערנען פידעל שפּילען און ציהט אַזוי אונגעלומפּערט דעם סמיק איבער די סטרונעס, מיט אַזא מין קאַנטשענגעוויין, אז עס עגבערט אין האַרצען, וועט שוין קיינמאָל ניט קענען אריינדרינגען אין זיין פידעל א נשמה פון הימלישער מוזיק.

יעדע ארבייט, יעדע קונסט און יעדער אידעאַל איז פון אָנפאַנג אָן אומגעלומפּערט און אונערפאָלגרייך. דער ערשטער שריט פון פּראָגרעס איז אַלע מאָל דער אונזיכערסטער. און גראַדע פון אָט די אונזיכערע און אָפטמאָל אונגעלונגענע שריטען פון די פּיאָ־נערען לערנען מיר זיך ווי אַזוי אָנצופיהרען די ארבייט וואָס זיי האָבען אנגעפאַנגען.

פאַרוואָס זיינען די ערשטע קאָלאָניעס פון די קאָאָפּעראַטיווען דורכגעפאַלען? צוליעב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, דערפאַר וואָס די

קאָלאָניסטען האָבען צופיעל געפּרואווט מיט א מאָל אויפטהאָן; און צווייטענס, דערפאר וואָס די קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרען ניט פון די ארבייטער פאר די ארבייטער, זאָנדערען פון פי־לאַנטראָפּען וואָס האָבען געוואָלט דעם ארבייטער דערהויבען.

די קאָאָפּעראַטיווע פּיאָנערען האָבען אָפּגעביסען מעהר וויפיעל זיי האָבען געקענט פארדייען. זיי האָבען געפּרואווט דעם הונגעריגען ארבייטער מיט איין מאָל ארויסוואָרצלען פון זיין סביבה און איהם אריינפלאַנצען אין א שפּאָגעל נייעם סאָרט לעבען. אנשטאָט איהם זאט מאכען, האָבען זיי איהם אָנגעהויבען שטאָפּען מיט עסטהע־טיק און קולטור. די קאָלאָניעס זיינען געוואָרען א מיש־מאַש פון פּאָעטען וואָס האָבען געקוקט אויף די שעהנע לאַנקעס און טייכען, אידעאַליסטען וואָס האָבען געקוקט אויף'ן הימעל, און אזוי גלאַט לעדיג־געהער; און אָט די געבילדעטע פילאַנטראָפּען האָבען דאָס געטרייט צו באַשאַפען א בעסערע וועלט פאר דעם ארבייטער.

אָבער דער אידעאַל פאר א בעסערער וועלט עקזיסטירט ביי דעם מענשען ניט אין קאָפּ, און ניט אין הארצען, נאָר אין בויך. קודם כל וויל ער דעם מאָגען צופריעדען שטעלען, און דאן וועט ער האָבען די געלעגענהייט צו טראַכטען וועגען בילדונג און עסטהע־טיק.

אָט טאַקע דערפאר זיינען די „קאָנסום'' אדער „שפּייז''־קאָאָפּע־ראַטיוועז אזוי פּאָפּולאר און ערפאָלגרייך אין אלע לענדער.

די קאָנסום און פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַטיוועז, ווי דער פאַר־פאַסער פון דיעזען בוך האָט אזוי קלאָהר באוויזען, זיינען איצט ניט נאָר א שעהנער חלום, זיי זיינען שוין א רעאַליזירטער פאַקט; און עס זיינען שוין דאָ הונדערטער געלונגענע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען, וועלכע קענען אונז דיענען אלס מוסטער אין אונ־זער אייגענער אונטערנעהמונג.

מיר דאַרפען אָבער געדענקען אז א קאָנסום אָדער פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַטיוו קען אונז בלויז דיענען אלס אָנפאַנג, און אז מיר טאָרען זיך ניט אָפּשטעלען דערמיט. אן אידעאַל וואָס באַפרידיגט בלויז דעם גוף, איז נאָך אלעמען אן אידעאַל פון בהמות, און ניט פון מענשען.

דער ציעל פון דער קאָפּעראַטיווער באוועגונג פון'ם אינדעפּענ־

דענט ארבייטער רינג איז די פיזישע, גייסטיגע און מאָראַלישע ענטוויקלונג פון די מעמבערס און פון זייערע קינדער. אנשטאָט צו צאָהלען הויכע רענט אין די פאַרפעסטעטע שטעדט, קענען מיר אויב מיר זיינען אָרגאניזירט, צוזאמען אויסבויען הייזער אין קאָנטרי. אנשטאָט אז יעדע פרוי זאָל ביי זיך אין דער היים ארבייטען אין קיטשען, קענען מיר, ווען מיר וואוינען אין די צוזאַמען אויסגעבוימטע הייזער, מאַכען א קאָאָפּעראטיווע קיטשען און דייניגג־רום, וואו אלע קענען צוזאַמען עסען, אָדער אויב איהר ווילט בעסער ביי זיך אין דער היים עסען, קענט איהר דעם פארטיגען און הייסען דינער פון׳ם קאָאָפּעראטיווען קיטשען א היים נעהמען. אנשטאָט אז די ווייבער זאָלען כסדר זיין פאַרשקלאַפט מיט הויז־קלינען און וועש־וואַשען, א. ז. וו., קענען מיר אויף א קאָאָפּעראַטיווען אופן, אָנשטעלען אזעלכע וואָס גיבען זיך אָפּ מיט דיעזער ארבייט, און וואָס וועלען אין יעדער הויז אין א פּאָר שעה א טאָג די נויטיגע ארבייט אויפטהאָן. און אנשטאָט צו שיקען אונזערע קינדער אין די קאַפּיטאַליסטישע סקולס, וואו מ׳לערענט זיי אוים צו זיין גוטע שקלאַפען, און וואו מ׳רעדט זיי איין תמיד אין קאָפּ אז זייערע אייגענע טאַטעס זיינען „דוירטי עליענס״ און „רעדס״, וועלכע מ׳דאַרף ווי שרצים פון דער וועלט אויסראָטען, קענען מיר אין אונזערע קאָאָפּעראטיווע נאַכבאַרשאַפטען, אויסבויען ראדיקאלע שולען פאר אונזערע קינדער, וואו מען וועט זיי לערנען אז אן ארבייטער איז א מענש מיט אלע מענשען גלייך, און אז פּראָגרעס קומט ניט פון אונזערע זאָגענאַנטע פיהרער, זאָנדערען פון אונזערע מארטירער!

אָט דאָס איז דער קאָאָפּעראטיווער ציעל פון׳ם אינדעפּענדענט ארבייטער רינג.

# איינלייטונג

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישען די אידישע אַרבייטער, הגם נאָך גאָר יונג, האָט לעצטענס אָנגעהויבען זיך פאַנאַנדערוואַקסען און זיך פאַרשפּרייטען אין יעדען לאַנד וואו ס'געפינט זיך אַ באַדייטענדע אידישע אַרבייטערשאַפט, און האָט שוין אַריינגעצויגען צעהנדליגע טויזענד פאַראינטערעסירטע אידישע אַרבייטער.

און דאָס איז ערשט אַ קליינע התחלה אין פאַרגלייך מיט דער ראָלע וואָס דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג וועט אויסקומען צו שפּיעלען צווישען די אידישע מאַסען אַ דאַנק דער ניי־געשאַפענער סאָציאַל־פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע אין דער וועלט. די עקאָנאָמיש אַרויסגעשטויסענע, און עקאָנאָמיש אויסענגגעבליבענע, אידישע מאַסען וועלען מוזען זוכען אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען זייער רעטונג צו פאַרזיכערען זייער עקזיסטענץ און צו איבערבויען זייער לעבען אויף נייע יסודות.

אויך דאָ אין אַמעריקאַ וועט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אויסקומען צו שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דעם קאַמפף פון די אידישע אַרבייטער פאַר זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דער פאַקט וואָס גרויסע פאַראַנטוואָרטליכע און געשעפטס־ערפאַהרענע אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס האָבען אַריינגענומען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין זייער פּראָגראַם און ווידמענען איהר זייער גאַנצען איינפלוס און קראַפט, גיט צו אַ שנעלערען טעמפּאָ דעם ערפאָלג פון דער באַוועגונג.

די אונטערנעהמונגען וואָס ווערען אָנגעפיהרט פון די גרויסע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען ווינציגער אויסצושטעהן די טעות'ן און שוועריגקייטען וואָס אַזעלכע אונטערנעהמונגען אָנגעפיהרט פון אונ־

ערפאהרענע און אונבאמיטעלטע יחידים האָבען געהאט אויסצור־שטעהן; און ווי זאָגט אן ענגליש שפּריכוואָרט: „נאָטהינג סוקסידס לייק סוקסעס". וועלען די אידישע ארבייטער האָבען פאר די אויגען אייניגע ערפאָלגרייכע קאָאָפּעראַטיוועןן, און זיך האָבען אירעצייגט וואָס פאר א באדייטונג זיי קענען האָבען פאר דער פאר־זיכערונג, פארלייכטערונג, און פארבעסערונג פון זייער עקאָנאָמישער לאגע, דאן איז גאָר קיין גרענעץ ניטאָ וואוהין די קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג זאָל ניט אריינדרינגען.

די הויפּט מעלה פון א קאָאָפּעראַטיוו איז, וואָס ער פארשפּרעכט ניט זיינע מיטגלידער קיין טובות לעתיד לבא. די מיטגליעדער פון א קאָנסום פאראיין, ווי א קאָאָפּעראַטיווע קראָם, פון א לייה־און־שפּאָר־קאסע אָדער פון אגריקולטור אונטערנעהמונגען, געניסען די טובות פון די קאָאָפּעראַטיוועןן באלד ווי זיי טרעטען אריין אין זיי; און וואָס נאָך מעהר, עס פאָדערט זיך ניט קיין ספּעציעלער קאמפּף צו ערדרייכען די באקוועמליכקייטען און די טובות פון א קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעהמונג. אלץ וואָס עס ווערט געפאָדערט פון א מיטגליעד, איז, אן ערנסטע און געטרייע באציהונג צו זיינע אייגענע אינטערעסען וואָס זיינען אויך די אינטערעסען פון דער אונטערנעהמונג.

די קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג האט נאָך א מעלה וואָס זי איז ניט קיין פּאָליטישע באוועגונג און זי קען אָנגעפיהרט ווערען מיט דעם זעלבען ערפאָלג אונטער פארשידענע פּאָליטישע סיסטעמען, און ווי די ערפאהרונג האט געוויזען, איז דער איבערגאנג אין א לאנד פון איין פּאָליטישער סיסטעם אין א צווייטער ניט נאָר ניט שעדליך פאר די קאָאָפּעראַטיוועןן, נאָר די מיטגליעדער געפינען אין זיי דעם איינציגען און זיכערסטען האפען זיך צו שיצען פון דעם עקאָנאָמישען קראך וואָס קומט, געוועהנליך, פון אזא איבערגאנג.

און הגם די קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג איז ניט קיין פּאָליטישע באוועגונג איז זי אָבער אין תוך די בעסטע פּאָליטישע ערציהערין פאר די מאסען, דורך דעם וואָס זי לערענט זיי אויס צו פארזאָר־

גען און צו פארוואלטען זייערע אינטערעסען אויף א געזעלשאפט־ליכען אופן, און פלאנצט איין אין זיי דעם באוואוסטזיין אז די אינטערעסען פון דעם יחיד זיינען די אינטערעסען פון דעם כלל.

דער שמאלער קרעמער'שער בליק אויף'ן לעבען, אז די גאנצע וועלט עקזיסטירט בלויז פאר די עגאאיסטישע אינטערעסען פון'ם יחיד מוז אין דעם קאאפעראטיוו אויסגעברייט ווערען, און דער מענש הויבט אן זיך צו באטראכטען ווי א מיטגליעד פון א משפחה; פאר־קעהרט ווידער, דער אבסטראקט־דענקענדער סאציאליסט הויבט אן זיך לערנען צו באטראכטען די מענשען וואס ארבייטען מיט איהם אין איין פאבריק אדער וואס וואוינען מיט איהם אין איין הויז אלס מיטגליעדער פון דער מענשהייט וועלכע ער האט באגרי־פען בלויז אין אבסטראקט.

דער קאאפעראטיוו ווערט, דארום, ניט נאר א פעסטונג פאר עקאנאמישער זיכערהייט וואו די ארבייטער מאסען ווערען פאר־זארגט מיט לעבענס־מיטלען פאר די מעגליך־קלענסטע פרייזען, און דארפען ניט זיין אפהענגיג פון די זעלבסטזיכטיגע און געלט־גייציגע אויבער־און־מיטעל־מענשען—דער קאאפעראטיוו ווערט אויך פאר די מאסען די נויטיגע שולע, וואו זיי לערנען זיך צו לע־בען א ברודערליך געזעלשאפטליך לעבען, וואו זייער געזעלשאפט־ליכע מאראל ווערט דערהויבען צו א הויכער מדרגה פון סאציאלער פאראנטווארטליכקייט וואס איז פון א דויערענדען כאראקטער און ניט בלויז ווי פון פאראיבערגעהענדע מאמענטאנע פאסירונגען.

ווי יעדע גרויסע סאציאלע באוועגונג איז אויך די קאאפעראטיווע באוועגונג צונויפגעוועבט מיט די לעבענס פון גרויסע און אינטע־רעסאנטע פערזענליכקייטען, וואס האבען זיך מקריב געווען און אנגעפיהרט די באוועגונג, און זי געבראכט דערצו ווי מיר זעהען זי היינט צו טאג.

איינער פון די ערשטע טרוימער פון א שעהנערער און בעסערער מענשליך לעבען וועלכער האט ניט נאר געטרוימט נאר אויך געוויד־מעט זיין לעבען און זיין ענערגיע צו פארווירקליכען זיינע אידעען,

איז געווען ראָבערט אָוען, דער פֿאָטער פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין ענגלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט. די ענטשטע־הונג פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג איז אַזוי שטאַרק צונויפֿ־געוועבט מיט דעם לעבען פֿון ראָבערט אָוען אַז עס איז ניט מעגליך צו רעדען פֿון דער באַוועגונג ניט דערמאָנענדיג ראָבערט אָוען, ווי עס איז ניט מעגליך צו רעדען פֿון ראָבערט אָוען און ניט דערמאָנען זיין לעבענס־אידעאל—די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג.

עס וועט דאַרום זיין אינטערעסאַנט פאַר'ן לעזער זיך צו באַקע־נען מיט דיעזער מערקווירדיגער פּערזענליכקייט און אין דער זעלבער צייט זיך באַקענען מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

# קאַפּיטעל א

## 1. דעפיניציאָן

אין דעם פּענאָמענאַלען פּראָגרעס וואָס די אידישע שפּראַך האָט געמאכט אין די צוואנציג יאָהר פון דעם איצטיגען יאָהר־הונדערט, האָט זי באוויזען אריינצונעהמען א גרויסע צאָהל פרעמדע ווער־טער פון אַלוועלטליכער באדייטונג און זיי אזוי אסימילירט, אז דער אידישער לעזער פיהלט זיך מיט זיי היימיש און פארשטעהט זיי פּונקט אזוי גוט ווי אן אינטעליגענטער לעזער פון יעדע אנדע־רע מאָדערנע שפּראַך וואָס האָט אריינגענומען די זעלבע ווערטער.

באזונדערס איז דאָס ריכטיג מיט אזעלכע ווערטער וואָס דריי־קען אויס באגריפען פון סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געדאנקען. די דאָזיגע ווערטער ווערען פריי באנוצט אין דער אי־דישער שפּראַך און נויטיגען זיך ניט מעהר אין קיין באזונדערע ערקלעהרונגען און פארטייטשונגען.

אָבער וועגען די ווערטער „קאָאָפּעראציאָן", „קאָאָפּעראטיוו", וואָס זיינען נאָך פרישע געסט אין'ם אידישען לשון—פּונקט ווי די גאנצע באוועגונג איז נאָך נייַ ביי אונז—איז פאראַן א חשד דאָס אייניגע זאָלען האָבען א ניט קלאָהרען באגריף פון זייער באדיי־טונג און דורך דעם אויך קריגען א ניט קלאָהרען באגריף פון דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג.

עס וועט דארום זיין אין פּלאַץ צו געבען א קורצע דעפיניציאָן פון דעם וואָרט וואָס ווערט אזוי פיעל מאָל דערמאָנט אין דעם דאָזיגען בוך.

דאָס וואָרט קאָאָפּעראציאָן שטאַמט פון די לאַטיינישע ווער־טער קאָ, צוזאמען, און אָפּעראַרע, צו ארבייטען, און דריקט אויס דעם באגריף פון א געזעלשאפט, אָדער אָרגאניזאציאָן, וואָס איז געגרינדעט אויף בשותפות'דיגע ארבייט, פאר בשותפות'דיגע פּראָ־דוקציאָן אדער פארקויף, און די טובה דערפון, אָדער דאָס פאר־

דיענסט, איז פאַר די מיטגליעדער פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט; און א קאָאָפּעראַטיוו מיינט, דאַריבער, אן אונטערנעהמונג אויף בשותפות׳דיגע יסודות, ווי, למשל, א קאָאָפּעראַטיווע קראָם, וואו די מיטגליעדער קויפען זייערע נויטיגע פּראָדוקטען און טהיילען זיך דערנאָך מיט די פאַרדינסטען.

קאָאָפּעראַציאָן אונטערשיידעט זיך פון סאָציאַליזם און קאָמו־ניזם אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל די לעצטע צוויי שטרעבען צו איבערבויען די גאַנצע סאָציאַלע סיסטעם אויף געזעלשאַפטליכע יסודות, בעת קאָאָפּעראַטיווען ווערען אנגעפיהרט פון איינצעלנע גרופּען אין פאַרשיעדענע ערטער, פאַר פאַרשיעדענע צוועקען פון פּראָדוקציאָן אָדער פאַרקויף. און הגם סאָציאַליזם און קאָאָפּעראַצ־יאָן זיינען אין גרונד אזוי פאַרשיעדעאַרטיג, זיינען זיי אָבער ווייט פון צו זיין פיינדליך איינס צו דאָס אַנדערע. בעת ווען אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג באַטהייליגען זיך אויך ניט־סאָציאַליס־טען, ווערט אָבער די באַוועגונג באַטראַכט אפילו פון סאָציאַליסטען אלס א שריט אין דער ריכטונג צו סאָציאַליזם: ערשטענס, ווייל דער קאָאָפּעראַטיוו לערענט מענשען צו ארבייטען מיט ליעבע, ניט האָ־בענדיג קיין אויבערהאַר איבער זיך וואָס זאָל זיי טרייבען אין האַלז־און־נאַקען; און דערפאַר וואָס זיי פיהלען זיך ווי בעלי בתים פאַר זיך אליין ווערט די ארבייט פאַר זיי א ברכה אנשטאַט וואָס אונטער לוין־שקלאַפעריי מוזען די ארבייטער באַטראַכטען די ארבייט אלס א קללה פון וועלכער מ׳דאַרף זוכען צו אנטלויפען; און צווייטענס, ווייל אין קאָאָפּעראַציאָן ווערט אָנגענומען און דורכגעפיהרט דער פּרינציפּ: „דער גאַנצער ווערטה פון דער ארבייט פאַר די וואָס ארבייטען״.

## 2. ענטשטעהונג פון דעם קאָאָפּעראַטיווען געדאַנק.

דער געדאַנק פון קאָאָפּעראַציאָן האָט, אין זיין אורשפּרונג, געהאט די זעלבע באַדייטונג וואָס קאָמוניזם. עס האָט געזאָלט זיין אן אונבאַגרענעצטע קאָאָפּעראַציאָן מצד אלע מיטגליעדער, פאַר יעדען צוועק פון געזעלשאַפטליכען לעבען. עס איז געוועזן דער פועל יוצא פון אלע פּלענער און טהעאָריעס פאַר א בעסערע געזעלשאַפט

וואָס אלע טרוימער און געזעלשאפטליכע רעפאָרמער ביז ראָבערט אָוען האָבען געפּרעדיגט; און אויף ראָבערט אָוען, דעם פּראַקטישען אידעאַליסט איז אויסגעפאַלען דער גורל צו אָנפאַנגען דורכפיהרען דעם געדאַנק פון א נייע געזעלשאפטליכע סיסטעם. עס האָט אויך געזאָלט זיין א פּלאַן פאר א געזעלשאפט אויף צו פארבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער מאסען אין דער צייט וואָס זיי האלטען אָן זייערע ארבייטס־פלעצער.

עס איז געווען די לאַגע פון די ארבייטער מאסען צו יענער צייט וואָס האָט באוועגט ראָבערט אָוען צו אונטערנעהמען עפּעס פּראַקטישעס. דער געבורט פון דעם קאפּיטאַליזם האָט געבראַכט מיט זיך אונגעהויערען עלענד און אָרימקייט פאר די מאסען. בעת פון איין זייט איז געוואַקסען דאָס עשירות פון די פאבריקאַנטען און עס איז געשטיגען די מאַכט פון דעם קאפּיטאַליסטישען קלאַס, איז פון דער צווייטער זייט געוואַקסען דאָס אָרימקייט פון די בעלי מלאכות וואָס זיינען רואינירט געוואָרען דורך דעם אריינפיהר פון די ערשט־ערפונדענע מאַשינעס, און די דעמאָראַליזאציאָן און דער עלענד פון די ארבייטער וואָס זיינען אריינגעפאלען אין די פאב־ריקען פון דער נייער אינדוסטריע.

ווען ראָבערט אָוען, הגם זייענדיג אליין א פאבריקאַנט, האָט גענומען קלעהרען וועגען די נויטען פון די ליידענדע מאסען, האָט ער איינגעזעהן דאָס כדי צו אָפּשאפען נויט און אָרימקייט מוז די גאַנצע עקזיסטירענדע אָרדנונג איבערגעאַנדערשט ווערען. ער האָט נעגלויבט דאָס ווען די מענשען זאָלען זיך באַנוצען מיט די מאַ־טעריעלע מיטלען אויף א שכל'דיגען אופן וואָלטען זיי געקאַנט מאַכען פון דער געזעלשאפט דאָס וואָס זי וואָלט באדארפט זיין; און ער האָט אָנגעהויבען לערנען די מאסען ווי זיך אליין צו העלפען, ווי אזוי צו דענקען אליין, און צו גלויבען נאָר אין דער רעליגיאָן וואָס העלפט זיי זיך צו באַפרייען פון נויט און אונטערדריקונג.

דאָס האָט שוין אָבער פאַרדראָסען די גלחים און די בעלי בתים. זיי זיינען געוואָרען אייפערזיכטיג אויף דעם איינפלוס וואָס זיי האָבען געהאַט אויף די מאסען, און זיי האָבען גענומען שטערען די ארבייט פון ראָבערט אָוען אויף וויפיעל עס איז געלעגען אין זייער

מאַכט. אָבער ראָבערט אָוען האָט זיך דערפאַר ניט אָפּגעשראָקען. ניט נאָר האָט ער פאַרטגעזעצט זיין טעטיגקייט צו אויפקלעהרען די מאַסען און צו אָרגאַניזירען זיי פאַר זיינע פּלענער, נאָר ער האָט אויך אויפגענומען דעם קאַמפּף מיט די גלחים פאַר זייער שטער־ען איהם צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די ליידענדע מאַסען. און אַזוי איז ער פאַרבליבען זיך חבר'ענדיג מיט וועבער, שוסטער, שניידער און אַנדערע פאַכען ארבייטער וואָס האָבען געדאַרפט זיין די איינציגע דורכצופיהרען זיינע הויכע אידעען פון א שעה־נערע און בעסערע וועלט.

אין זיין שטרייט געגען די גלחים איז ער דערגאַנגען אַזוי ווייט ביז צו פאַרדאַמען אַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט, און ער האָט געקעמפפט פאַר רעפאָרמירען די רעליגיאָן פונקט ווי ער האָט גע־קעמפפט פאַר רעפאָרמירען דעם שטאַאט. דעם קאַמפּף געגען דער קירכע האָט ער באַטראַכט אַלס א קאַמפּף פאַר רעליגיאָנס־פרייהייט און געוויסענס־פרייהייט.

דער פּראָגרעס פון קאָאָפּעראַציאָן האָט אָנגעוואָרפען א שרעק אויף די פּאָליטיקער, קאַפּיטאַליסטען און קרעמער, און ראָבערט אָוען האָט מוטהיג געקעמפפט פאַר דעם קלאָהרען ריינעם אמת וואָס ווייסט ניט פון קיין מורא פאַר קיינעם.

ראָבערט אָוען אין זיין אַגיטאַציע פאַר דעם געדאַנק פון קאָ־אָפּעראַציאָן איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די אוטאָ־פּיסטען פון דעם 17־טען און 18־טען יאָהר־הונדערט וואָס האָבען געטרוימט פון א נייע און פרייע וועלט. זיי האָבען באַטראַכט די סיסטעם פון פּריוואַט אייגענטהום—פון מיין איז מיין, און דיין איז דיין—אַלס אוננאַטירליך. זיי האָבען גע'טענה'ט, און געבראַכט ראיות פון דער געשיכטע, אַז דער מענש האָט תמיד געפיהרט א קאָמוניסטיש לעבען: אַז לויט אריסטאָטעל זיינען געווען פעלקער וואָס האָבען בעאַרבייט די ערד צוזאַמען און זיך נאָכדעם צוטהיילט מיט די פּראָדוקטען, און אַנדערע פעלקער, וואָס האָבען בעאַרבייט די ערד באַזונדער און דערנאָך צונויפגעבראַכט די פּראָדוקטען צוזאַ־מען. אַז ספּאַרטאַ (אין פאַרצייטיגען גריכענלאַנד), און דער אינזעל קריטי, (אדער קאַנדיא אין מיטעללענדישען ים), זיינען געווען קאָ־

מוניסטישע געזעלשאַפטען. אַז די איסיים (אַ אידישע סעקטע אין ארץ ישראל אין דער צייט פון חורבן בית שני) האָבען געפיהרט אַ קאָמוניסטישען לעבען.

טהאָמאַס מאָר אין זיין בוך „אוטאָפּיא"—געשריבען אין 1516 —האָט געמאָלען אַ בילד פון אַן אָרדנונג וואו איטליכער זאָל טאָן אַ חלק ארבייט און אַלע זאָלען האָבען אַ גלייכען חלק פון די לע־בענס־מיטלען וואָס וועלען געשאַפען ווערען.

אין 1656 האָט הארינגטאָן אָנגעשריבען זיין „אָשענאַ" אַ מאָדעל פון אַ אידעאַלער געזעלשאַפט; און פערציג יאָהר שפּעטער איז ארויסגעקומען דזשאהן בעללערס מיט זיין פּלאַן פון אַן אינ־דוסטריעלער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. עס איז געווען דער ער־שטער פּראַקטיש־אויסגעארבייטער פּלאַן וואָס מ'האָט געקענט באַלד דורכפיהרען. בעללערס—ווי ראָבערט אָוען שפּעטער—האָט אפּעלירט גלייך צו דער רעגיערונג און געבעטען דעם פּאַרלאַמענט און דער לאָרדען־הויז צו אויסהערען זיין פּלאַן דורך וועלכען „דאָס פּראָסטע פאָלק וואָלט געקענט לערנען די קונסט ווי אַזוי זיך אַליין צו פאַרזאָרגען". זיינע מאָטאָס זיינען געווען „דער פוילער זאָל זיין געקליידעט אין שמאַטעס, און דער וואָס וויל ניט ארבייטען זאָל ניט עסען", און „ארבייט ברייננגט שפע".

ראָבערט אָוען האָט געלאָזט דעם דאָזיגען בוך איבערדרוקען און איהם פאַרשפּרייט אַזוי וויים ווי מעגליך, און דער בוך האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק.

אַן איינפלוס אויף ראָבערט אָוען האָט אויך געהאַט דער פראַנ־צויזישער אוטאָפּיסט מאָרעלי, וועמעס פּלאַן עס איז געווען צו איינאָרדנען די געזעלשאַפט אַזוי אַז עס זאָל פאַר קיינעם ניט מעג־ליך זיין צו ווערען פאַרדאָרבען אדער פאַראָרעמט.

אַ צווייטער פראַנצויזישער אוטאָפּיסט וואָס האָט פאַרעפּענט־ליכט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו איבערבויען איירָאָפּאַ איז געווען סט. סימאָן. ער האָט ערקלעהרט אַז אינדוסטריע איז הייליג, מחמת עס פיהרט צו דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אָרימע. זיין סיסטעם איז געווען באַוואוסט נאָך דעם כלל וואָס ער האָט אויסגעארבייט: „יעדען קומט לויט זיינע פעהיגקייטען; יעדען פע־

היגען לויט דער ארבייט וואָס ער טהוט". דאָס מיינט אז די געזעלשאפט וואָלט ערוואַרטעט פון יעדען מיטגליעדער דאָס בעסטע וואָס ער איז פעהיג צו טהאָן און זי וואָלט איהם באַלוינט לויט נאָך דער ארבייט וואָס ער האָט אויפגעטהאָן.

אין איין צייט מיט ראָבערט אָוען האָט אויך געלעבט און געווירקט דער פראַנצויזישער אוטאָפּיסט שאַרל פוריע (געב. 1772, געשט. 1837).

פוריע האָט אויסגעאַרבייט א געזעלשאפטליכע סיסטעם אין וועלכע עס זאָל קענען דערגרייכט ווערען הארמאָניע פון אינטערעסען, געפיהלען און ליידענשאַפטען.

זיין פּלאַן איז געווען צו איינפיהרען ווירטהשאפטען פאַר געמיינדען, וועלכע ער האָט גערופען פאַלאַנסטערען, און ווען די געמיינדע זאָל אָנפיהרען די ווירטהשאפט אויף א געמיינשאפטליכען אופן וואָלט די געזעלשאפט געקענט איינשפּאָרען זעהר פיעל צייט, ארבייט און אויסגאַבען.

אויך ער האָט אנגעוויזען אז די געזעלשאפט ליידעט זעהר פיעל מחמת דער אונוויסענהייט פון די מענשען, און ער האָט געזוכט איינצופיהרען בילדונג און אייניגקייט. די זעלבע הארמאָניע וואָס מען געפינט אין דער פיזישער וועלט האָט ער געוואָלט איינפיהרען אין דער געזעלשאפט.

זיינע פאַלאַנסטערען (פון דעם גריכישען וואָרט „פאַלאַנקס", א גרופּע זעלנער) זיינען געגרינדעט אויף קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציאָן. א פאַרבאַנד פון אזעלכע פאַלאַנסטערען האָט געזאָלט בילדען א שטאַאַט.

אַן ערך פון 50 פאַלאַנסטערען זיינען געגרינדעט געוואָרען אין פראַנקרייך און אין אַמעריקא, אָבער, מחמת פארשיעדענע אורזאַכען, האָבען זיי לאַנג ניט געקענט עקזיסטירען.

פוריע איז געקומען צו זיין פּראָיעקט פון א מאַטעמאַטיש־וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, בעת אָוען איז געווען א הומאַניטאַרער סאָציאַל־רעפאָרמער. פוריע האָט שטאַרק אַטאַקירט די לעהרען פון ראָבערט אָוען אין א ביכעל וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין 1831. ער האָט ערנסט געגלויבט אז נאָר זיין סיסטעם וועט ענד־

ליך איינגעפיהרט ווערען און אָרימקייט וועט צו ביסלעכ אָפּגעשאפט ווערען. ער האָט געגלויבט אז מיט אַפּעלירען צו די רייכע וועט מען קענען זיי באַוועגען אריינצוטרעטען אין די פאַלאַנסטערען אָדער לכל הפחות צו שטיצען פינאַנציעל אזעלכע עקספּערימענטען.

ראָבערט אָוען האָט שוין אָבער ניט געקענט זיך באַנוגענען בלויז מיט טרוימען און פּלאַנען פון א בעסערער געזעלשאַפט; ערשטענס, ווייל די לאַגע פון די אַרבייטער אין זיין צייט איז געווען אזוי שלעכט אז זיי האָבען געמוזט אונטערנעהמען עטוואָס טאַקע באַלד אויפ'ן אָרט און ניט ווארטען אויף א נעבעלהאַפטער צוקונפט; און צווייטענס, ווייל די מיטלען אויף אַנצוהויבען פאַרבעסערען די לאַגע פון די אָרימע זיינען געלעגען ביי איהם אין די הענד: זייענדיג אליין א פאַבריקאַנט וואָס האָט באַשעפטיגט הונדערטער ארבייטער האָט ער געהאַט א מעגליכקייט צו פּראַקטיצירען דאָס וואָס ער האָט געפּרעדיגט.

און אָוען הויבט אָן איינצופיהרען רעפאָרמען אין זיינע אייגענע פאַבריקען אין ענגלאַנד: פאַרקירצט די אַרבייטס־שטונדען, העכערט די שכירות, פאַרזאָרגט די אַרבייטער מיט מעדיצינישע באַהאַנדלונג, צווינגט זיי זיך אויפצופיהרען סאַניטאַריש, און עפענט פאַר זיי א קראָם וואו זיי קענען קויפען זייערע לעבענס־מיטעל מיט פינף און צוואַנציג פּראָצענט ביליגער ווי אין די פּריוואַטע קראָמען.

זיין הויפּט ציעל אָבער איז געווען דער צוקונפטיגער דור וואָס וועט דאַרפען איבערנעהמען זיינע אידעאַלען, און פאַר דער צוגרייטונג און ערציהונג פון דעם וואַקסענדען דור טהוט ער אויף וואונדער. ער ווערט דער פּיאָניר אויף דעם געביט פון שולען פאַר קינדער. די שולען וואָס ער בויט פאַר די אַרבייטער קינדער, און קינדער פון ארבייטער, ווערען א מוסטער פאַר דעם גאַנצען לאַנד און פאַר גאַנץ אייראָפּא, און פון אַלע עקען וועלט קומט מען אָנקוקען און באַוואונדערען די שולען וועלכע דאַרפען פאָרמירען דעם כאַראַקטער פון דעם צוקונפטיגען פרייען בירגער.

אין דער זעלבער צייט פיהרט ער אָן די פּראָפּאַגאַנדא פאַר קאָאָפּעראַציאָן אויך אין אנדערע ערטער. ער אַפּעלירט צום פּאַרלאַמענט, און עס געלינגט איהם, דער פּאַרלאַמענט זאָל אָננעהמען גע־

זעצען צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די פאַבריק ארבייטער. און ער שטיצט מיט א פרייע האנד א רייהע פון קאָאָפּעראַטיווע אונטער־נעהמונגען וואָס זיינען געווען פאַר דער ליידענדער מענשהייט ווי די ערשטע בליטהען אין פריהלינג. א גרויסע צאָל פון אָט די עקספּערי־מענטען זיינען אויך ווי די בליטהען גיך פאַנאַנדערגעפאַלען, אָבער די ווירקונג וואָס זיי האָבען געמאַכט און די לעקציע וואָס זיי האָבען געלערענט די ארבייטער מאַסען, האָבען מעגליך געמאַכט די גע־זונטע פּרוּכט וואָס איז נאָכדעם אויסגעוואַקסען איבער דער וועלט אויף דעם געביט פון קאָאָפּעראַציאָן.

די געזונטע וואָרצלען וואָס דער קאָאָפּעראַטיווער געדאַנק האָט געשלאָגען אין באָדען פון וועלכע עס איז אויסגעוואַקסען דער גרוי־סער בוים פון קאָאָפּעראַציאָן מיט זיינע צווייגען אין אלע לענדער פון דער וועלט איז מעגליך געוואָרען נאָר דאַן ווען די ארבייטער מאַסען האָבען אריינגענומען די באַוועגונג אין זייערע אייגענע הענד און זי געמאַכט פאַר א כלי זין אין זייער קלאַסען קאַמפּף.

### 3. דער ערשטער ערפאָלגרייכער קאָאָפּעראַטיוו.

אין דעם יאָהר 1843, האָבען די וועבער פון דער שטעדטיל ראָטשדייל, נעבען מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, אָנגעהויבען קלעהרען פּלענער ווי אזוי ארויסצוקריגען פון זייערע בעלי בתים א העכע־רונג אויף זייערע שכירות. זייער לאַגע איז געווען אזוי שלעכט אז ווייטער דולדען איז שוין געווען אונמעגליך. זיי האָבען שוין געהאַט א טרייד יוניאָן קאָמיטע און די דאָזיגע קאָמיטע האָט דאָס געדאַרפט געהן זיך זעהן מיט די פאַבריקאַנטען און פאָדערען אין נאָמען פון די ארבייטער א העכערונג אויף די שכירות. עס איז געווען באַשלאָסען דאָס אין פאַל א פאַבריקאַנט וועט ענטזאָגען די פאָדערונג צו העכערען די שכירות זאָל א סטרייק ערקלעהרט ווערען אין זיין פאַבריק, און די ארבייטער פון די אַנדערע פאַבריקען וואָס וועלען פאַרבלייבען ארבייטען זאָלען ביישטייערען צוויי פּענים א וואָך צו א סטרייק־פאָנד וואָס זאָל אויסגעצאָהלט ווערען צו די סטרייקערס.

ווען עס איז אָבער געקומען צו דער פראַגע, מי ומי ההולכים,

ווער זאָל געהן אין דער דעפּוטאַציע זיך זעהן מיט די בעלי בתים, איז געוואָרען א צרה, ווייל געהן אין א דעפּוטאַציע צו די פאַבריקאַנטען צו פאָדערען עפּעס פאַר די ארבייטער האָט געמיינט ווערען א קרבן און זיין גע'רודפ'ט דערנאָך דאָס גאַנצע לעבען. די פאַבריקאַנטען האָבען וויניציג געהאַלטען פון דער „חברה אונצופריעדענע בונטאָוושטשיקעס" וואָס קומען פאַרטרעטען די ארבייטער; און ניט נאָר האָבען זיי געזעהן אז עס זאָל ביי זיי אין פאַבריק ניט בלייבען קיין פּלאַץ פאַר די ארבייטער פיהרער, נאָר זיי האָבען שוין אויך אכטונג געגעבען אז אין אלע פאַבריקען ארום זאָל מען וויסען אז דער־און־דער ארבייטער איז א „בונטאָוושטשיק". דער סוף איז געווען דאָס דער גע'רודפ'טער ארבייטער פלעגט אזוי לאַנג זיך ארומשלעפּען פון אָרט צו אָרט זוכענדיג א פּלאַץ צו ארבייטען ביז וואַנען ער פלעגט ארייַנפאַלען אין די הענד פון געזעץ אלס א וואַגאַבונד, אָדער פאַר אַן אנדער חטא, און דער ריכטער, על פּי רוב אליין א קאַפּיטאַליסט, האָט שוין געהאַט א געלעגענהייט ווי זיך אָפּצורעכענען מיט דעם ארבייטער פיהרער פאַר דער חוצפּה וואָס ער האָט געהאַט זיך ארויסצושטעלען פאַר די ארבייטער.

עס איז דאַרום קיין חידוש ניט וואָס עס האָבען זיך ניט געפונען קיין סך וואָלונטירען צווישען די וועבער פון ראָטשדייל וואָס זאָלען געהן אין א דעפּוטאַציע צו פאָרלעגען די פאָדערונגען פון די ארבייטער פאַר די בעלי בתים. עס איז געווען פּונקט ווי דער באַשלוס פון די מייז אויפצוהענגען א גלעקעל דער קאַץ אויפ'ן האַלז, אָבער ווער עס זאָל אויפהענגען דאָס גלעקעל האָט זיך ניט געפונען קיינער. אָט דאָס איז געווען די לאַגע פון די ארבייטער בכלל און פון די ארבייטער פיהרער בפרט אין די ערשטע יאָהרען פון דעם קאַפּיטאַליזם.

סוף כל סוף האָבען זיך געפונען עטליכע בראַווע און מוטהיגע וועבער וואָס האָבען אָנגענומען אין דער דעפּוטאַציע און זיינען געגאַנגען זיך זעהן מיט די פאַבריקאַנטען. אייניגע פון די בעלי בתים האָבען נאָכגעגעבען, און באַוויליגט די פאָדערונג פון א העכערונג אויף די שכירות, אנדערע, אָבער, האָבען אויף צו להכעיס צוגעמאַכט די פאַבריקען גאָר אין גאַנצען. די ארבייטער זיינען פון

דיעזער האנדלונג פון די פאבריקאנטען געווארען שטארק אויפגערעגט און האבען מאסענווייז פארלאזען די שעפער און ערקלעהרט א סטרייק. אזוי ווי, אבער, זיי האבען ניט געהאט גענוג אויף צו לעבען אפילו ווען זיי האבען געארבייט, איז שוין פארשטענדליך אז לאנג סטרייקען האבען זיי ניט געקענט און זיי האבען געמוזט זיך אומקעהרען צוריק אין די פאבריקען אויף די אלטע באדינגונגען.

ווען דער סטרייק איז געווען פארלארען האבען די ארבייטער אנגעהויבען קלעהרען פון אנדערע מיטלען ווי אזוי צו פארבעסערען זייער לאגע. די סאציאליסטיש דענקענדע ארבייטער און נאכפאלגער פון ראבערט אוען האבען פארגעשלאגען צו גרינדען קאאפעראטיווע אונטערנעהמונגען. דער פריהערדיגער פלאן פון צאהלען צוויי פענים א וואך איז ווידער אמאל אנגענומען געווארען און פון דעם קאפיטאל וואס עס וועט זיך אנקלייבען זאל מען עפענען קאאפעראטיווע פאבריקען און ווערען בעלי בתים פאר זיך אליין.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז בלויז א קליינע צאל ארבייטער האבען זיך פארשריבען צו צאהלען די צוויי פענים א וואך, און אז עס וועט געדויערען א צו לאנגע צייט ביז עס וועט זיך אנקלייבען גענוג קאפיטאל אויף צו עפענען א פאבריק. די ארבייטער האבען שוין גענומען צווייפלען, אויב עס וועט זיי ווען עס איז געלינגען צו פארבעסערען זייער לאגע אויף אזא אופן. אבער די אנהענגער פון קאאפעראציאן האבען ניט נאכגעגעבען און זיי האבען אויסגעפיהרט צו באוועגען די ארבייטער צו עפענען א קאאפעראטיווע שפייז־קראם.

אין יאהר 1844 האבען די פלאנעל־וועבער פון ראטשדייל געעפענט זייער שפייז־קרעמעל. מיט אכט און צוואנציג מיטגליעדער האט זיך דער ערשטער ארבייטער קאאפעראטיוו געגרינדעט. זייער קאפיטאל איז באשטאנען פון 28 פונט שטערלינג (אן ערך פון 140 דאלאר) און זיי האבען אנגענומען דעם פרינציפ, פארקויפען בלויז פאר מזומן.

די געשיכטע ווי אזוי אט דאס דאזיגע ארימע שפייז־קרעמעל

איז אויסגעוואַקסען, און האָט פאַרשפּרייט איבער גאַנץ ענגלאַנד א נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון, קלינגט ווי א פאַנטאַסטישע לעגענדע. די אונגעהויער עקאָנאָמישע מאַכט וואָס די קאָאָפּעראַטיוון אין ענג־לאַנד און אין דער גאַנצער וועלט שטעלען מיט זיך פאָר היינט צו טאָג, איז דער רעזולטאַט פון דער אונבאַדייטענדער התחלה פון די אכט און צוואַנציג פלאַנעל־וועבער פון ראָטשדייל. זיי האָבען אָנ־



די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קראָם פון די ראָטשדייל'ער פּיאָנערען אין 1844.

---

געפאַנגען מיט א קאַפּיטאַל פון 140 דאָלאַר, און טוען איצט געשעפ־טען אין די הונדערטע מיליאָנען דאָלאַרס, סיי „האָלסייל" און סיי „ריטייל".

דער ערפאָלג פון די ראָטשדייל'ער קאָאָפּעראַטיוון האָט באַ־גייסטערט די באַוואוסטזיניגע אַרבייטער אויך אין אַנדערע לענדער,

און עהנליכע פאַרזוכען צו גרינדען קאָאָפּעראַטיווען זיינען געמאַכט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג אויך אין אַנדערע לענדער.

און הגם די קאָאָפּעראַטיוועו און זייער ערפאָלג זיינען ניט געגאַנגען אַזוי ווייט אין סאָציאַלע רעפאָרמען ווי ראָבערט אָוען האָט פּראָיעקטירט, ווייל לויט נאָך די אידעען וואָס ער האָט געפּרעדיגט האָבען די קאָאָפּעראַטיוועו געדאַרפט זיין די התחלה פון א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, און ניט בלויז ברייגגען געוויסע מאַטעריאַלע טובות פאַר א געוויסען טהייל ארבייטער, איז אָבער די באַוועגונג אין איהר עצם דאָך א דירעקטער רעזולטאַט פון די אויפוואַכענדע כחות פון די אַרבייטער מאַסען וואָס האָבען אָנגעהויבען גלויבען אין זייערע אייגענע קרעפטען א דאַנק די סאָציאַליסטישע געדאַנקען פון קאָאָפּעראַציאָן וואָס ראָבערט אָוען האָט פאַרזעעט. זיין גרויסע ליידענשאַפט פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט און זיין עכטער הומאַניטאַריזם, האָט געפיהרט דערצו ער זאָל פּרואווען איינפיהרען א סיסטעם „וואָס זאָל זיין א טובה פאַר אַלע קלאַסען און ניט שאַדען קיינעם"; און דורך קאָאָפּעראַציאָן, האָט ער געגלויבט, וועט זיין מעגליך די דאָזיגע סיסטעם איינצופיהרען.

ראָבערט אָוען, וואָס איז אַליין געווען א קינד פון די אָרימע פאָלקס־מאַסען, האָט פאַרשטאַנען אַז די וועלט וועט ניט קענען ווערען בעסער און גערעכטער אַזוי לאַנג ווי די אָרימע מאַסען וועלען ניט האָבען קיין געלעגענהייט צו ענטוויקלען פריי זייערע כחות און דעריבער האָט ער עס געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע צו באַפרייען די מאַסען פון אָרימקייט און פון אומוויסענהייט.

און פונקט ווי זיינע הויכע אידעאַלען פון אמת און סאָציאַלע גערעכטיגקייט אַזוי איז אויך זיין פּערזענליך לעבען א קוואַל פון באַגייסטערונג און שטאָלץ פאַר אַלע פרייהייטס־ליעבענדע מענשען.

# קאַפּיטעל ב

## 1. ראָבערט אָוען.

א קינד פון פאָלק, קיין רייכטהום און לוקסוס ניט ווארטענדיג פאַר איהם, איז ראָבערט אָוען (Robert Owen) געבוירען געוואָרען מאי דעם 14־טען, 1771, אין דער שטעדטיל ניוטאַן, ענגלאַנד.

זיין פאָטער איז געווען א ריעמער, (א זאָטעל־מאַכער), און אויך דער פּאָסטמאַסטער פון דער שטעדטיל. זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון איינעם פון די מיוחס׳דיגע פארמערס ארום ניוטאָן.

ראָבערט איז געווען דער זעקסטער פון א פאַמיליע פון זיבען קינדער. צו פיער יאָהר הויבט ער אָן צו געהן אין שול און לערענט לעזען, שרייבען און רעכענען, און ווען ער ווערט אלט זיבען יאָהר נעהמט דער לעהרער איהם צו פאר א באַהעלפער אין שול.

נאָך זייענדיג אין שול האָט ער ענטוויקעלט א גרויסע ליידענ־שאַפט צו לעזען ביכער. דאָס גאַנצע שטעדטיל האָט געוואוסט דערפון, און דער גלח, דער דאָקטאָר און דער לאָיער פון שטעדטיל האָבען איהם ערלויבט צו נעהמען ביכער פון זייערע ביבליאָטעקען צו לעזען. דאָס האָט איהם געגעבען א געלעגענהייט צו ענטוויקלען א גשמאַק פאר גוטע ליטעראַטור וואָס ס׳איז איהם, בלי ספק, גוט צונוץ געקומען אין די שפּעטערע יאָהרען.

ראָבערט אָוען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערצעהלט ווי אזוי ער איז אין זיין יוגענד א פּאָר מאָל ניצול געוואָרען פון טוידט. איינ־מאָל באַפּענדיג זיך אין דער פריה אוועקצולויפען אין שול אריין, האָט ער אויף שנעל אראָפּגעשלונגען זיין פריהשטיק; און אזוי ווי דער מאכל איז געווען קאָכיג־הייס איז ער באלד געפאַלען אין חלשות. עס האָט גענומען א לאַנגע צייט ביז מ׳האָט איהם אָפּגע־מינטערט—מען האָט שוין געדענקט, אז ער איז טוידט, און פון דעמאָלט אָן האָט ער געמוזט זיין פאָרזיכטיג מיט׳ן עסען ווייל זיין מאָגען אין פארבליבען אונפעהיג צו פאַרדייען שפּייז.

א צווייטער פאל האָט מיט איהם געטראָפען, ווען אלס א אינגעל,

רייטענדיג אויף א פערד איז איהם אויסגעקומען אריבערצופאָהרען אַ שמאָל בריקעל איבער א טייך. אין מיטען בריקעל האָט ער זיך צו־זאַמענגעשטויסען מיט א פוהר וואָס איז איהם אָנגעקומען אנטקעגען און ארונטערפאַלענדיג פון פערד איז ער געבליבען ליגען א גע'חלש'טער ביים ברעג פון בריקעל און שיעור אריינגעפאַלען אין טייך אַריין.

נאָך צוויי יאָהר אַלס באַהעלפער אין שול קומט ער אָן צו אַרבייטען אין דער קראָם פון דער שטעדטיל. און ווען ער ווערט צעהן יאָהר אַלט, פיהלט ער זיך שוין גרויס גענוג ארויסצופאָהרען אין דער ברייטער וועלט.

ער פּועל'ט ביי זיינע עלטערען זיי זאָלען איהם לאָזען פאָהרען קיין לאָנדאָן, און אזוי ווי מ'פלעגט נאָך דעמאָלט פאָהרען מיט'ן דיליזשאַנס קיין לאָנדאָן, האָט איהם זיין פאָטער צוגעפיהרט צום נאָהענטסטען שטעדטיל וואו די „קאָוטש'' פלעגט פארבייפאָהרען, און דער צעהן־יאָהריגער ראָבערט האָט פארנומען אָן אָרט אויף דעם דאַך פון דעם דיליזשאַנס, זיך טרייסלענדיג איבער'ן גריבערדיגען וועג, און פריהרענדיג א גאַנצע נאַכט. דער אייגענטהימער פון דעם „קאוטש'' האָט אפילו חשק געהאט אויף ביינאַכט איהם אריינצולאָזען איניוועניג, נאָר די אַנדערע פּאַסאַזשירען האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם, און דער קליינער ראָבערט האָט געמוזט פארבלייבען אויפ'ן דאַך.

אָנקומענדיג אין לאָנדאָן איז ער פּאַרפאָהרען צו זיין עלטסטען ברודער, אויך א ריעמער, וואָס האָט דאָן דאָרט געוואוינט.

זעקס וואָכען האָט ער פאַרבראַכט ביי זיין ברודער אין לאָנדאָן, און פון דאָרטען פאָהרט ער אוועק אין סטעמפאָרד, ענגלאַנד, וואו מ'האָט איהם צוגענומען אויף א שטעלע אין א שניט־קראָם צו אַרבייטען דאָס ערשטע יאָהר אומזיסט, דאָס צווייטע פאר 40 דאָלאר און דאָס דריטע יאָהר פאר 50 דאָלאר מיט עסען און שלאָפען ביים בעל הבית.

די שטונדען וואָס ער איז געווען פארנומען אויף דיעזער שטעלע זיינען געווען פון צעהן אין דער פריה ביז 4 נאָכמיטאָג, (אין דיעזע שטונדען פלעגען זיך צונויפפאָהרען די קונים פון די ארומיגע

דערפֿער), די איבעריגע צייט פֿלעגט ער זיך פֿאַרנעהמען מיט לעזען. זיין בעל הבית האָט געהאַט א שעהנע ביבליאָטעקע און ער האָט ער־לויבט ראָבערטען זיך צו באַנוצען מיט די ביכער.

די שטאָדט האָט פֿארמאָגט א פּראַכטפֿאָלען פּאַרק, און ווען דער וועטער איז געווען שעהן, האָט ראָבערט דאָרט פֿאַרבראַכט די פֿרייע שטונדען אין שפּאַצירען, לעזען, דענקען און שטודירען די בעסטע ביכער וואָס ער האָט געקענט באַקומען.

אויף דער דאָזיגער שטעלע האָט ער אויך געקראָגען א סך ער־פֿאַהרונג מיט אלערליי סאָרטען שניט־סחורה, וואָס עס איז איהם שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען א גרויסער געשעפֿטסמאַן און פֿאַבריקאַנט, שטאַרק צונוץ געקומען.

בעת ער פֿלעגט פֿארברייניגען אין פּאַרק אין לעזען און אין דענקען, האָבען אָנגעהויבען קומען צו איהם אפּיקורסישע געדאַנקען; און די פֿראַגע,—„וועלכע איז די אמת'ע רעליגיאָן?" האָט אלץ מעהר און מעהר באַשעפֿטיגט זיין מח. וואָס מעהר ער האָט שטודירט די פּרינציפּען פֿון די רעליגיאָנען אלץ מעהר איז ער געקומען צום שלוס אז זיי שטאַמען אלע פֿון איין און דעם זעלבען קוואַל, און אז דער אונטערשייד צווישען זיי איז נאָר א רעזולטאַט פֿון דער ווילד־קייט און אונוויסענהייט פֿון אונזערע אור־עלטערען וואָס האָבען ניט פֿאַרשטאַנען די מענשליכע נאַטור און וואָס האָבען זיך געפֿיהרט על פּי רוב דורך צופֿעליגע השערות וואָס זיינען כמעט אלע מאָל געווען ווייט פֿון'ם אמת.

נאָך א לאַנגען קאַמפּף מיט זיך אליין האָט ער אויפֿגעגעבען זיין גלויבען אין קריסטענטהום, און אזוי ווי ער איז געווען בטבע רעליגיעז געשטימט, און ניט זעהענדיג מיט וואָס איין רעליגיאָן איז אמת'ער פֿאַר דער צווייטער, האָט ער זיך איבערגעגעבען מיט אלע געפֿיהלען צו זיין לעבענס־אויפֿגאַבע: צו ארבייטען לטובת דער מענשהייט.

**אָפּזייענדיג אויף דער דאָזיגער שטעלע 4 יאָהר באַשליסט ער זיך אומצוקעהרען צוריק אין לאָנדאָן. ערשטענס, ווענט ער, זייענ־דיג אין א גרויסער שטאָדט, קענען זעהן מעהר די וועלט, און**

צווייטענס, האָט ער זיך פאַרביינקט א היים און זיך שוין געוואָלט זעהן מיט זיינע עלטערען.

זיין וואונש איז, אָבער, ניט אין גאַנצען ערפילט געוואָרען. די שטעלע וואָס ער האָט געקראָגען אין לאָנדאָן האָט איהם ניט געגעבען קיין מעגליכקייט צו זעהן די וועלט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען איז איהם אויסגעקומען צו ארבייטען אזוי שווער פון גאנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט, און די ערשטע געפיהלען פון פּראָטעסט געגען עקספּלואטאַציע ווערען ביי איהם געבוירען.

זיינע פריינד האָבען געפונען א שטעלע פאר איהם אין א גרויסע קראָם אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, וואו מ'האָט איהם שוין געצאָהלט 40 פונט א יאָהר—אַן ערך 200 דאָלאַר—מיט עסען און שלאָפען. צוויי יאָהר האָט ער אָפּגעאַרבייט אויף דיעזער שטעלע, און ווען ער איז אַלט געוואָרען אכטצעהן יאָהר, האָט זיין לעבען גענומען א נייע ווענדונג פון וואַנען דער צוקונפטיגער סאָציאַליסט קעמפּפער האָט זיך ענטוויקעלט.

ער באַקענט זיך מיט איינעם ביים נאָמען דזשאָנס, און דיעזער דזשאָנס רעדט איהם צו ער זאָל מאַכען מיט איהם שותפות און עפענען א פאַבריק צו פאַבריצירען די נאָר וואָס ערפונדענע שפּין־מאַשין.

אָוען קריגט ביי זיין ברודער אַן הלואה פון הונדערט פונט, פאַרלאָזט זיין שטעלע, און, צו אַכטצעהן יאָהר, ווערט ער א פאַבריקאַנט. אין א קורצע צייט ארום האָבען זיי שוין באַשעפטיגט 40 אַרבייטער און ראָבערט אָוען האָט זיך גיך צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדען. די פאַרוואַלטונג פון דעם געשעפט איז געלעגען אין גאַנצען אין זיינע הענד, ווייל אָוען האָט זיך גלייך ארומגעזעהן אז זיין שותף הויבט ניט אָן צו וויסען ווי צו פיהרען א געשעפט, און אז ער איז בכלל ניט קיין פּאַסענדער שותף.

אין עטליכע חדשים ארום האָט זיך געפונען אַן אנדער שותף וואָס האָט ארויסגעצאָהלט אָוען'ס חלק, און אָוען מיט די דריי שפּין־מאַשינען, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר זיין חלק אין געשעפט,

האָט באַלד געדונגען אַ פּלאַץ און אָנגעשטעלט דריי אַרבייטער און דאָס ערשטע יאָהר געמאַכט 300 פונט שטערלינג ריוח.

ראָבערט אָוען איז אָבער דערמיט ניט געבליבען צופריעדען. עס האָט איהם אויסגעזעהן אַ צו לאַנגזאַמער פּראָצעס ביז ער וועט צו עפּעס דערגרייכען; און איידער צו פאַרבלייבען אַ קליינער פאַב־ריקאַנט און זיך מאַטערען, האָט ער בעסער אָנגענומען אַ שטעלע אַלס פאַרוואַלטער פון אַ גרויסע פאַבריק וואָס איהם האָט געצאָהלט די זעלבע סומע וואָס ער האָט פאַרדיענט פון זיין פאַבריקעל. ניט זייענדיג נאָך קיין פולע צוואַנציג יאָהר אַלט נעהמט ער אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַ שפּינערייַ וואו ס'האָבען געאַרבייט ביי פינף הונדערט אַרבייטער. דער אייגענטהימער האָט זיך ווינציג געמישט אין געשעפט, און אָוען, האַלטענדיג די שליסעל, האָט גע־דאַרפט עפענען און שליסען די פאַבריק, אַליין איינקויפען רויהע מאַטעריאַלען, אַריינשטעלען נייע מאַשינעס, און אַכטונג געבען ווי די באַוועל ווערט אויסגעאַרבייט אין פאָדים. אויך פאַרקויפען די סחורה, פיהרען די ביכער, אויסצאָהלען די אַרבייטער שכירות און אַלע אַנדערע נויטיגע אַרבייט וואָס אזא גרויסע פאַבריק האָט גע־פאָדערט האָט ער גערדאַרפט אַליין באַזאָרגען.

ער האָט זיך איבערגעגעבען צו זיינע נייע פליכטען מיט זיין גאַנצער ענערגיע און אין אַ קורצע צייט אַרום איז איהם געלונגען צו אויסאַרבייטען אַ פיינערען פאָדים און דערמיט האָט ער פאַר־גרעסערט די געשעפטען און די פאַרדיענסטען פון דער פאַבריק.

ווען מר. דרינקוואָטער, דער אייגענטהימער פון דער פאַבריק, האָט געזעהן וואָס פאַר אַ פּראָגרעס זיין שפּינערייַ האָט געמאַכט אונטער אָוען'ס פאַרוואַלטונג, האָט ער איהם איינגעלאַדען צו זיך אין הויז און איהם פאָרגעשלאָגען ער זאָל ווערען זיין שותּף אין דער פאַבריק און פאַרבלייבען מיט איהם אויף תּמיד. אָוען האָט מיט צו־פריעדענהייט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און דער קאָנטראַקט איז געמאַכט געוואָרען.

מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער האָט דער אייגענטהימער, איבער געווויסע פאַמיליען אַנגעלעגענהייטען, איהם פאָרגעלעגט צו בטל

מאַכען דעם קאָנטראַקט פון שותפות און פארבלייבען מיט איהם אויף ווייטער אלס פאַרוואַלטער, אָבער ראָבערט אָוען האָט זיך גע־פיהלט באַליידיגט פון דיזען פאָרשלאַג און האָט זיך ענטזאַגט לעננער צו פארבלייבען אלס פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק.

ווי נאָר ס'איז געוואָרען באוואוסט אז ער האָט פארלאָזען זיין פּלאַץ האָט ראָבערט אָוען געקראָגען פיעלע איינלאַדונגען פון פירמעס צו ווערען דער פאַרוואַלטער פון זייערע פאַבריקען, און אין גיכען איז ער געוואָרען א שותף פון א גרויסע פירמע און ווידער איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון א פאַבריק.

וועגען געשעפטס ענינים איז איהם אויסגעקומען צו באזוכען א סך אנדערע שטעדט און ער פלעגט ארומפאָהרען אזוי ווייט ווי ביז גלאַזגאָו, סקאָטלאַנד.

איינמאָל באַזוכענדיג גלאַזגאָו, באַקענט ער זיך מיט דער טאָכ־טער פון א רייכען פאַבריקאַנט, מר. דעיל, און מיט א יאָהר שפּעטער ווערט זי זיין פרוי. דורך דער צייט וואָס ער איז געוועזען באַקענט מיט זיין צוקונפטיגער פרוי האָט ער זיך דערוואוסט דאָס איהר פאָטער וויל פארקויפען איינע פון זיינע פאַבריקען אין ניו לאַנארק, סקאָטלאַנד. ראָבערט אָוען האָט צוגערעדט זיינע שותפים און די פאַבריק איז אָפּגעקויפט געוואָרען. ער האָט באַלד איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער ניו לאַנארק פאַבריק, וועלכע האָט שפּע־טער געשפּיעלט אזא גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון קאָ־אָפּעראַציאָן.

מר. דעיל, זיין צוקונפטיגער שווער, איז ניט נאָר געווען א רייי־כער פילאַנטראָפּ, ער איז אויך געווען א זעהר רעליגיעזער מענש און דער גלח פון זיין קהלה. כדי צו האַלטען גוטע דרשות אין די זונטאגס, האָט ער זיך אויסגעלערענט צו לעזען די ביבעל אין העב־רעאיש און אין גריכיש, און זיין טאָכטער, האָט דאָס ראָבערט אָוען, דער פריידענקער, געוואָלט הייראַטען. תחילת האָט מר. דעיל ניט געוואָלט הערען פון דעם שידוך, אָוען איז ניט געווען גענוג יחסן פאר איהם; נאָר נאָכדעם צוקוקענדיג זיך ווי אָוען האָט פאר־

וואַלטעט די פאַבריק אין ניו לאַנאַרק, און זיך רעכענענדיג מיט זיין טאָכטער'ס געפיהלען, האָט ער צוגעשטימט צו דעם שידוך. נאָך זייער הייראטה, אין סעפטעמבער 1799, האָט אָוען מיט זיין פרוי זיך צוריקגעקעהרט אויף א קורצע צייט קיין מאַנטשעסטער און נאָכדעם קלייבט ער זיך אריבער אין ניו לאַנאַרק, וואו ער האָט אָנ־געהויבען איינפיהרען זיינע אידעען פון סאָציאַלע רעפאָרמען.

די צייט וואָס ראָבערט אָוען האָט געלעבט אין מאַנטשעסטער האָט ער זיין ענערגיע פאַרווענדעט ניט בלויז אויף צו שאַפען מאַ־טעריעלע רייכטהום. ער איז דורך דער צייט ערוועהלט געוואָרען אלס מיטגליעד אין דער „מאַנטשעסטער ליטעראַרישער און פילאָ־זאָפישער געזעלשאַפט", און פלעגט אָפט האַלטען רעדעס פאַר דער געזעלשאַפט און דרוקען אַרטיקלען איבער וויכטיגע סאָציאַלע און פילאָזאָפישע טהעמאַס.

צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט וואָס ער איז געווען אזא גוואַלדי־גער מתמיד, האָט ער געקענט זיך פיהלען היימיש אין דעם קרייז פון די אינטעליגענטסטע מענשען פון זיין צייט, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז געווען, פאַרהעלטניסמעסיג, נאָך א יונגער מענש מיט אזא קורצער שול בילדונג, און וואָס פון זיין פריהס־טער יוגענד אָן האָט ער געמוזט אַרבייטען אום זיך צו ערנעהרען.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע עפּיזאָדען אין דעם לעבען פון ראָבערט אָוען, איז זיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם ערפינדער פון דער דאַמפף־שיף, ראָבערט פולטאָן. אויף דער קוואַרטיר וואו אָוען איז געשטאַנען אין מאַנטשעסטער האָט זיך אויך געפונען ראָבערט פולטאָן, און ווען פולטאָן האָט געמאַכט עקספּערימענטען מיט זיינע ערפינדונגען האָט ער זיך גענויטיגט אין פינאַנציעלער שטיצע. ראָבערט אָוען איז איהם געקומען צו הילף און האָט איהם אויסגע־ליהען די סומען וואָס פולטאָן האָט געהאַט נויטיג. דער ערפאָלג פון פולטאָן'ס ערפינדונגען, וואָס האָבען געהאַט אזא גרויסע באַדייטונג פאַר דער ציוויליזאַציאָן און פאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציהונגען, איז, ביז א געוויסען גראַד, צו פאַרדאַנקען דעם ליבעראַליזם פון ראָבערט אָוען.

## 2. די סאָציאַלע לאַגע פון זיין צייט.

עס איז געווען די דאָזיגע „מאַנטשעסטער ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע געזעלשאַפט" וואָס האָט אויפגענומען די פראַגע פון די שרעקליכע צושטענדע אין די פאַבריקען פון דער נייער אינדוסטריע, וואָס האָט געהאַלטען אין וואַקסען אין ענגלאַנד. דער פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, דר. פּערסיוואַל, האָבענדיג אונטערזוכט די לאַגע אין די פאַבריקען, האָט אָרגאַניזירט די „מאַנטשעסטער באָארד אָוו העלטה", וואו ראָבערט אָוען איז געווען איינער פון די מיטגליעדער. דער צוועק פון דיזער אָרגאַניזאציאָן איז געווען צו זוכען מיטלען געגען די צרה'דיגע צושטענדע אין די פאַבריקען.

עס איז געווען אין די ערשטע יאָהרען פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. די וועב־מאַשינען זיינען נאָר וואָס ערפונדען געוואָרען, און ווער עס האָט נאָר געהאַט די מיטלען האָט געעפענט פאַבריקען און געזוכט דורך זיי רייך צו ווערען. די אַלטע אינדוסטריע, פון די היימישע האַנד־וועבער, איז חרוב געוואָרען. עס איז ניט מעגליך געווען צו קאָנקורירען מיט דער שנעלער מאַשין. די אַלטע וועבער זיינען געבליבען אָהן פּרנסה. אין די נייע פאַבריקען האָט מען זיי ניט צוגענומען, ווייל ביי די נייע מאַשינען האָבען געקענט ארבייטען קינדער, וואָס עס האָט זיך בעסער געלוינט פאַר די פאַבריקאַנטען.

די פאַבריקען זיינען געבויט געוואָרען ביי די ברעגען פון די טייכען כדי צו באַנוצען די וואַסער־קראַפט צו טרייבען די מאַשינען.

די גאַנצע יוגענד פון דער באַפעלקערונג איז איינגעשלונגען געוואָרען פון דער פאַבריק. די אינדוסטריע איז געוואַקסען און האָט געפאָדערט מעהר קינדער, פלעגט מען צונויפבריינגען די קינדער פון די „וואָירק" הייזער, די אנשטאַלטען וואוהין מ'פלעגט פאַרשיקען אָרימע קינדער, און יתומים, מ'פלעגט זיי אָפּקויפען אין די הונדערטע און ווי סטאַדעס פיה זיי טרייבען אין די פאַבריקען.

צווישען זיי זיינען געווען א סך קראַנקע און גייסטיג־שוואַכע קינ־דער, פון וועלכע די אַדמיניסטראַציע פון די אַנשטאַלטען האָט געוואָלט פּטור ווערען. געהאַלטען האָט מען זיי אין הילצערנע געביי־דעס, ווי שטאַלען, און עסען האָט מען זיי געגעבען די ערגסטע שפּייז און ניט גענוג אויף צו זאַט ווערען. די געלעגערס האָבען זיך קיינמאָל ניט אָפּגעקיהלט, ווייל ווי נאָר די קינדער וואָס ארבייטען בייטאָג האָבען זיי פאַרלאָזען האָבען די קינדער וואָס ארבייטען ביי־נאַכט זיי באַלד פאַרנומען. זיי זיינען פון די פאַבריקאַנטען באַ־טראַכט געוואָרען ווי שטיקלאַך געצייג, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט ווער עס זאָל אויף זיי השגחה געבען. ניט נאָר זיינען זיי געווען תמיד הונגעריג און פאַרמאַטערט נאָר מ'פלעגט זיי נאָך ביי דער ארבייט שמייסען מיט בייטשען זיי זאָלען ניט איינדרימלען.

די איינצעלהייטען ווי אזוי די דאָזיגע קינדער זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען זיינען שוידערליך. א גאַנצע ליטעראַטור איז פאַראַן אין ענגלאַנד איבער דיעזען קינדערשען גיהינום. געוואַקסען זיינען זיי אָהן וועלכע עס איז ערציהונג, אָהן א געלעגענהייט פאַר בילדונג. דאָס וואָס אינגלעך און מיידלעך פלעגען שלאָפען אין די זעלבע געביידעס האָט פאַרפעסטעט זייער מאָראַלישע באַציהונג פון איינס צום צווייטען. די יעניגע קינדער וואָס האָבען אפילו געהאַט א היים זיינען אויך ניט געווען אין קיין סך בעסערע לאַגע. זייערע טאַטעס פלעגען זיך שוין פאַרלאָזען אויף די פאַרדיענסטען פון די קינדער און אליין ווערען פוילענצער און שיכורים און די קינדער פאַר־נאַכלעסיגען.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די קינדער, מחמת די שווערע פּראַצע און שלעכטע באַהאַנדלונגען, האָבען אָנגעהויבען אויסשטאַר־בען מאַסענווייז. קיינער האָט זיך אָבער ניט ארומגעקוקט אויף זיי, ביז עס האָבען ניט אָנגעהויבען זיך צו פאַרשפּרייטען צווישען די קינדער אַנשטעקענדע קראַנקהייטען; און ווען זיי זיינען געוואָרען א געפאַהר פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג האָט מען זיך שוין פאַר־אינטערעסירט מיט זיי.

מען האָט מיט איינמאָל באַמערקט אז אין דער געזעלשאַפט

זיינען אויסגעוואַקסען צוויי קלאַסען וואָס זיינען אזוי ווייט אין זייערע אינטערעסען איינס פון צווייטען. פון איין זייט האָט א קלאַס פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע רייכטהום. די נייע-ערפונדענע מאַשינעס וואָס האָבען געדאַרפט זיין א ברכה פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, זיינען געוואָרען דאָס מאָנאָפּאָל פון יחידים—און פון דער צווייטער זייט, א קלאַס וואָס אַרבייט שווער און ביטער און ליידעט הונגער און נויט.

דורך דער מיה פון די געצעהלטע מענשען וואָס זיינען געווען פאַראייניגט אין דער „מאַנטשעסטער באָארד אָוו העלטה", צווישען וועלכע ראָבערט אָוען האָט געשפּיעלט אזא וויכטיגע ראָליע, איז אויפגעהויבען געוואָרען א קאַמפּף פאַר די פאַרשקלאַפּטע פאַבריק-קינדער, דורך זייער ווירקונג האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען דאָס ערשטע געזעץ וואָס האָט באַגרענעצט די אַרבייטס-שטונדען פאַר קינדער. ביי נאַכט איז ניט ערלויבט געוואָרען צו באַשעפטיגען קיין קינדער און בייטאָג ניט מעהר ווי 12 שטונדען. עס האָט זיך געפאָדערט באַזונדערע שלאָף-צימערען פאַר אינגלעך און מיידלעך; די לעהרן-אינגלעך האָבען געדאַרפט קריגען אויפ'ן פאַבריקאַנט'ס רעכענונג אונטערריכט אין שרייבען, לעזען און רעכענען און צוויי מאָל אין יאָהר נייע קליידער. די פאַבריקען האָבען געדאַרפט געהאַלטען ווערען אין בעסערע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, און ווי וויניג דאָס איז ניט געווען צו אָפּשאַפען די שרעקליכע איבלען איז דאָס אָבער געווען אַן התחלה פאַר ווייטערדיגע געזעצען לטובת די קינדער אַרבייטער.

### 3. ראָבערט אָוען'ס אידעען.

פאַר ראָבערט אָוען איז געוואָרען קלאָהר וואָס זיין אויפגאַבע אין לעבען דאַרף זיין. און הגם זיין הארץ איז געווען מיט די לייַדענדע, האָט ער אָבער ניט געגלויבט אז מען דאַרף אונטערנעהמען עפּעס מיט געוואַלד אויף צו רעפאָרמירען די געזעלשאַפט. ער איז געווען צו טאָלעראַנט און צופיעל מענשען-פריינד. ער האָט געגלויבט אז די דאָזיגע עדעלע געפיהלען געפינען זיך אויך

ביי אַנדערע מענשען, און דעריבער האָט ער אָנגעפאַנגען מיט אַפּעלירען צו דעם גוטען ווילען פון די פאַבריקאַנטען און פון די רעגירער, ווייל קיין אָרגאַניזירטע ארבייטער כחות וואָס זאָלען אויפנעהמען א קאמפף געגען דער פאַרדאָרבענער אָרדנונג זיינען נאָך דאַן ניט געווען.



א מאָדעל פאר א קאָמוניסטישע קאָלאָניע געפּלאַנעוועט פון ראָבערט אָוען.

---

ראָבערט אָוען האָט געגלויבט אז דער מענש איז א פּראָדוקט פון דער סביבה אין וועלכער ער געפינט זיך, און אז די צושטענדע פון דער סביבה קענען ווערען פון די מענשען קאָנטראָלירט. ער האָט באַמערקט דאָס בילדונג און וויסען געהט צוזאמען מיט וואוילטאָג און רייכטהום, און אונוויסענהייט געהט צוזאמען מיט אָרימקייט און פאַרברעכען; און ער איז געקומען צום שלוס, אז בילדונג אָדער אונוויסענהייט איז די הויפּט סיבה פון אַלץ וואָס אויף דער וועלט איז גוט אָדער שלעכט, פון יעדען גליק אָדער צרה. די ער־

ציהונג פון דער יוגענד איז געוואָרען זיין גרעסטער אידעאל. דערצו האָט ער פאַרמאָגט א באַזונדערע ליעבע צו קינדער. ער האָט געקוקט אויף קינדער ווי אויף קליינע געסט וואָס זיינען געקומען צו אונז וועמען מיר זיינען מחויב אויפצונעהמען מיט ליעבשאַפט און צערטליכקייט, זיי לערנען און ערציהען, זיי דערפרעהען מיט געזאַנג און מיט בלומען, כדי זיי זאָלען זיין שטאָלץ און צופריעדען וואָס זיי זיינען געקומען אויף א וועלט וואָס האָט זיי געגעבען גליק און פאַרלאַנגט פון זיי בלויז צו זיין גוט.

מיט דיעזע געדאַנקען און מיט דיעזע געפיהלען פאַרלאָזט ראָבערט אָוען די שטאָדט מאַנטשעסטער און פאָהרט אוועק אין דער שטעדטיל „ניו לאַנאַרק” וואו ער צווינגט די גאַנצע וועלט זיך צוהערען און זיך צוקוקען וואָס אין ניו לאַנאַרק קומט פאָר.

# קאַפּיטעל ג

## 1. סאָציאַלע עקספּערימענטען ביי אָועןן.

אין אָנהויב פון דעם יאָהר 1800, אין עלטער פון ניין און צוואַנציג יאָהר, קומט אָן ראָבערט אין ניו לאַנאַרק און נעהמט איבער די „מלוכה" פון דער שטעדטיל אין זיינע הענד. אין די פאַבריקען זיינען געווען באַשעפטיגט אַן ערך פון צוויי טויזענד ארבייטער, צווישען זיי ביי פינף הונדערט „קהל'שע" קינדער. די איבעריגע זיינען געווען אַן עלענדער, אונוויסענדער, און פאַראָרימטער עלעמענט צונויפגעשלעפט פון אַלע עקען סקאָטלאַנד: אַן עלעמענט וואָס איז געווען פויל, אָפּגעלאָזען, מיט א שוואַכקייט פאַר שיכור'ען, גנבה'נען, ליגען זאָגען און אלע אנדערע שלעכטע געוואוינהייטען וואָס מען געפינט צווישען אַזעלכע מענשען. און פון דיעזען עלעמענט מענשען האָט ער מיט צוועלף יאָהר שפּעטער געשריבען אַז „זיי זיינען געוואָרען זעהר אָרענטליך, פלייסיג, ניכטער און רוהיג, און אַז דורך'ן גאַנצען יאָהר קען מען זעלטען באַגעגענען איינעם וואָס זאָל ארומגעהן פוסט־און־פּאַס, שיכור'ען אדער גנבה'נען".

ניט גאָר גרינג איז אָנגעקומען דער דאָזיגער רעזולטאַט. ערשטענס האָט ראָבערט אָועןן זיך געמוזט רעכענען מיט די מיינונגען פון זיינע שותפים. ער איז דאָך געווען דער אינגסטער שותף וואָס האָט אריינגעלעגט א קלענערען חלק פון זיי; און זיי זיינען געווען ניט מעהר ווי געוועהנליכע קאַפּיטאַליסטען, ניט ערגער און ניט בעסער פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטען פון זייער צייט. זייער אינטערעס איז געווען צו מאַכען גרויסע פּראָפיטען פון דער פאַבריק. און זיי וואָלטען געוויס קיין חשק ניט געהאַט צו לאָזען ראָבערט אָועןן רעפאָרמירען די וועלט אויף דעם חשבון פון זייערע פּראָפיטען.

דאָס ערשטע וואָס ראָבערט אָועןן האָט געהאַט צו טהאָן איז געווען צו זעהן אַז די פאַבריקען זאָלען אריינטראָגען א גוטען ריוח. אַלץ וואָס ער האָט אונטערנומען אויף צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער אין די פאַבריקען האָט געדאַרפט מיינען אַז עס איז כדי צו פאַרגרעסערען די פּראָפיטען. אָבער די גרעסטע געגנער־

שאַפט צו זיינע פּלענער האָט ער באַגעגענט מצד די אַרבייטער אליין. זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן זיינע פּלענער און זיך באַצויגען צו זיי מיט'ן גרעסטען פאַרדאַכט. זיי האָבען געקוקט אויף אָוען'ען ווי אויף א פרעמדען, אן ענגלענדער, וואָס איז געקומען איינפיהרען נייע פאַראַנדקעס און וויל זיי לערנען נייע וועגען ווי צו לעבען און ווי צו אַרבייטען, מסתמא האָט ער דאָך עפּעס א מיין דערביי—זיי נאָך מעהר עקספּלואַטירען, נאָך מעהר אונטערדריקען. זיי זיינען געווים געווען באַרעכטיגט אין זייער פאַרדאַכט, די קאַפּיטאַליסטען האָבען זיי געגעבען גענוג אורזאַכען דערצו.

ראָבערט אָוען'ס אייזערנער געדולד און גוטער ווילען האָבען איהם געהאָלפען, טריט ביי טריט, פון טאָג צו טאָג, צו געווינען דעם צוטרויען פון די אַרבייטער. אין 1806, ווען אמעריקא האָט פאַר פיער חדשים צייט אַרויפגעלייגט אן עמבאַרגאָ און ניט געלאָזט אַרויספיהרען קיין באַוועל און די פאַבריקען פון ניו לאַנאַרק האָבען ניט געאַרבייט, האָט ראָבערט אָוען געצאָהלט די אַרבייטער זייערע פולע שכירות און דערמיט זיך באַליעבט געמאַכט ביי זיי און געוואונען זייער פאָלשטענדיגען צוטרויען.

נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעביטען די אַלטע מאשינעס פון די פאַבריקען אויף די נייעסטע, האָט ער זיך גענומען דורך פאַרשיעדענע מיטלען צו באַקעמפּפען צווישען די אַרבייטער שיכרות און גנבה. ער האָט צוגעקלעהרט אַלערליי וועגען ווי אזוי צו אַפּעלירען צום פאַרשטאַנד און צו די געפיהלען פון די אַרבייטער אנשטאַט שרעקען זיי מיט באַשטראָפונגען, און אויך אויף דיעזען געביעט איז ער געווען ניט ווענייגער ערפאָלגרייך.

זיך צוקוקענדיג ווייטער צום אַרבייטער לעבען האָט אָוען באַמערקט אז די אַרבייטער האָבען ניט קיין באַגריעף פון שפּאָרזאַמקייט. די קרעמער פון דער שטעדטיל פלעגען זיי אָנבאָרגען סחורות און רעכענען הויכע פרייזען. דערצו האָבען נאָך אַלע קראָמען פאַרקויפט שנאַפּס און אַנדערע משקאות און עס איז געווען אין זייערע אינטערעסען די אַרבייטער זאָלען שיכור'ען; און ראָבערט אָוען האָט געעפענט, אויף דעם חשבון פון דער פירמע, א קראָם וואו די אַרבייטער האָבען געקענט קויפען בעסערע סחורות מיט 25 פּראָ-

צענט ביליגער ווי אין די אנדערע קראָמען. הגם ער האָט פאַרקויפט די סחורה אזוי ביליג איז פון דעסטוועגען נאָך געבליבען גענוג פּראָפיט, וואָס ער האָט אין גאַנצען פאַרנוצט אויף אויסצוהאַלטען די שולען. עס איז איהם געלונגען צו איבערצייגען זיינע שותפים אז די אויסגאַבען אויף די שולען ווערען געדעקט ניט אויף דעם חשבון פון דער פירמע, נאָר פון די ארבייטער אליין.

ניט קיין גרינגע אויפגאַבע האָט אָוען געהאט צו אויסלערנען די ארבייטער צו האַלטען ריין די הייזער און די גאַסען. אויך דערצו האָט ער געמוזט אננעהמען פארשיעדענע מיטלען, און ער האָט אויפ'ן חשבון פון דער קאָמפּאַניע צורעכט געמאכט און איבערגע־בויט די הייזער, אָפּגערייניגט די גאַסען און ביסלעכווייז צוגע־וואוינט די ארבייטער צו באַגרייפען די וויכטיגקייט פון ריינקייט. ער האָט פאַרטהיילט דאָס שטעדטיל אין נאכבאַרשאַפטען, און יעדער טהייל האָט אויסגעקליבען א פאַרטרעטער. די דאָזיגע אויסגע־וועהלטע האָבען געהאט די אויפגאַבע צו אויפּפּאַסען אויף דעם סאַניטאַרען צושטאַנד פון דער שטעדטיל און צו משפּט'ן די יעניגע וואָס וועלען עובר זיין אויף די רעגולאַציאָנען.

## 2. אָוען'ס אנדערע טהעטיגקייטען.

ראָבערט אָוען איז ניט געבליבען צופריעדען מיט דעם ערפאָלג וואָס ער האָט דערגרייכט ביז איצט. ער האָט געטרוימט פון אויפ־טהאָן עפּעס גרויסעס, אָבער די שותפים האָבען איהם צוריקגע־האַלטען פון ווייטערע אונטערנעהמונגען לטובת די ארבייטער. זיי האָבען רק געציטערט טאָמער וועט דאָס שאַדען די אינטערעסען פון דעם מסחר. די טובה פון זייערע ארבייטער איז זיי ווינציג וואָס אָנגעגאַנגען. זיי זיינען געווען סוחרים און געזוכט פּראָפיטען. ראָבערט אָוען האָט אָפּגעזוכט נייע שותפים, און אין 1809, אויס־געקויפט ניו לאַנאַרק. ער האָט געהאָפט אז די נייע שותפים וועלען איהם געבען א פרייע האַנד אָנצוגעהן מיט זיינע סאָציאַלע רעפאָר־מען. ער האָט געהאט בדעה צו עפענען קהל'שע שולען, עס־צימע־רען, פאַרזאַמלונגס פּלעצער און אנדערע נויטיגע אינסטיטוציעס, אָבער די נייע שותפים האָבען איהם באַלד געגעבען צו פיהלען אז

זיי זיינען ניט פיעל בעסער פון די פריהערדיגע שותפים. אָוען האָט פאָרגעשלאָגען א פּרייז אויף אָפּצוקויפען די פירמע אָבער די שותפים האָבען קיין חשק ניט געהאט צו פארקויפען; און ניט קענענדיג איינשטימען מיט זיינע אנזיכטען האָט אָוען רעזיגנירט אלס פאַר־וואַלטער פון די פאַבריקען.

ער שרייבט אָן א ביכעל איבער דער געשיכטע פון ניו לאַנאַרק. וואָס עס איז ביז איצט אויפגעטהאָן געוואָרען און וואָס ער האָפט נאָך אויפצוטהאָן צו פאַרשפּרייטען בילדונג און צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער מאַסען. ער אַפּעלירט צו רייכע גוט־הערציגע מענשען זיי זאָלען זיך פאראייניגען מיט איהם און אָפּ־קויפען ניו לאַנאַרק פאר דעם צוועק, ניט נאָר פאר די מאָמענטאַנע פאַרבעסערונגען פון דער לאַגע פון די ארבייטער וואָס זיינען דאָר־טען באַשעפטיגט, נאָר אויך כדי דאָס דאָזיגע פּלאַץ זאָל ווערען א מאָדעל און א מוסטער פאר אַנדערע פאַבריקען וואָס זיינען צוליעב זייערע שלעכטע צושטענדע, א געפאַהר פאַר'ן לאַנד.

אין דעם יאָהר 1812 פאַרברייננגט ער א שטיק צייט אין לאָנדאָן, וואו ער זוכט שותפים אויף אָפּצוקויפען ניו לאַנאַרק, און דרוקט דאָרטען אָפּ די ערשטע צוויי אָפּהאַנדלונגען פון זיין ווערק וועגען דער פאָרמירונג פון כאַראַקטער. עס געלינגט איהם ענדליך צו פאַר־אינטערעסירען א גרופּע פאַרמעגליכע ליבעראַלע מענשען. די נויי־טיגע סומע ווערט געשאַפען און ניו לאַנאַרק געהט איבער צוריק אונטער דער פאַרוואַלטונג פון ראָבערט אָוען. ווען אָוען האָט זיך צוריקגעקעהרט אין ניו לאַנאַרק איז די גאַנצע באַפעלקערונג ארויס־געקומען איהם מקבל פנים זיין און ארויסגעצייגט זייער פרייד און ענטהוזיאזם דורך א פייערליכער דעמאָנסטראַציע וואָס זיי האָבען דורכגעפיהרט פאר דעם כבוד פון זייער באַליעבטען בעל הבית.

ווי נאָר ראָבערט אָוען האָט זיך צוריקגעקעהרט אין ניו לאנארק האָט ער באלד געלאָזט אויפבויען אן אינסטיטוט פאר דער אויס־בילדונג פון כאַראַקטער. דאָס איז געווען א שולע וואו קינדער פון 1 יאָהר אַלט ביז 10 האָבען געקראָגען אונטעררויכטעט לויט די נייעסטע, פּראָגרעסיווסטע מעטהאָדען פון די ראַדיקאַלע דענקער פון יענער צייט. אָוען האָט אנגעווענדעט זיין גאַנצע ענערגיע צו

מאַכען דעם דאָזיגען אינסטיטוט א מוסטער פון ערציהונג פאר דער גאַנצער וועלט.

די נייעס פון דער גרינדונג פון דעם מערקווירדיגען אינסטיטוט אין ניו לאַנאַרק האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון כלל־טהוער און דענקער איבער דער גאַנצער וועלט. פון אַלע לענדער האָבען אָנגעהויבען קומען באַזוכער צו זעהן און באוואונדערען די שולען וואו די קינדער ווערען געלערענט מיט אזוי פיעל ליעבע און צערטליכקייט און וואו עס ווערט ניט באנוצט די מעטהאָדע פון באשטראָפען אָדער באלוינען. און דורך דעם איינפלוס און מיט דער הילף פון ראָבערט אָוען ווערט אויך אין וועסטמינסטער, לאָנ־דאָן, ענגלאנד, געגרינדעט די ערשטע שול פאר אָרימע קינדער.

ראָבערט אָוען איז אָבער ניט צופריעדען דערמיט אליין וואָס די קינדער און די ארבייטער פון ניו לאַנאַרק געניסען די פרוכט פון זיינע אידעען. ער פארגעסט ניט אויף קיין איין מינוט די קינדער און די ארבייטער פון אַנדערע שטעדט וואָס שקלאַפען אונטער אונ־מענשליכע באַדינגונגען. נאָך שווערע מיה געלינגט איהם צו באַ־וועגען דעם פאַרלאַמענט צו אונטערזוכען די לאַגע פון די קינדער ארבייטער, און אין 1819 ווערט דורכגעפיהרט א געזעץ וואָס גיט דער רעגיערונג א רעכט צו קאָנטראָלירען און רעגולירען די אר־בייטס באַדינגונגען פון קינדער אין די פאַבריקען.

נאָך דעם יאָהר 1815, ווען דער צוואַנציג יאָהריגער קריעג וואָס ענגלאַנד האָט געפיהרט מיט פראַנקרייך, אמעריקא און אַנדערע לענ־דער, האָט זיך געענדיגט, און די סאָלדאַטען האָבען זיך צוריקגע־קעהרט א היים און אָנגעפאַנגען זוכען ארבייט, איז פאָרגעקומען אין לאַנד א גרויסער קריזיס. די שכירות פון די וואָס האָבען געארבייט זיינען פאַרקלענערט געוואָרען כמעט אויף א העלפט—און צו הויך זיינען זיי קיינמאָל ניט געוועזן—די ארמעע פון ארבייטסלאָזע איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג און צוזאַמען מיט זיי איז געוואַקסען דאָס אָרימקייט און דער עלענד פון די מאַסען.

די ארבייטסלאָזע האָבען דערזעהן אין דער מאשין זייער איינ־ציגען שונא. ווען ניט די מאַשינעס וואָס מ׳האָט אריינגעשטעלט אין די פאַבריקען, האָבען זיי געדענקט, וואָלטען זיי געקענט קריגען

ארבייט און ניט געדארפט הונגערען. אין זייער פארצווייפלונג האָבען זיי זיך, אויפגערעגטע, געוואָרפען צו אטאקירען זייער שונא — די מאשין. דער רעזולטאט איז געווען אז פיעל ארבייטער בלוט איז פארגאָסען געוואָרען און די רעאקציע אין לאנד איז פארגרע־סערט געוואָרען. דאן איז ראָבערט אָוען ארויסגעקומען מיט א פּלאַן די רעגיערונג זאָל גרינדען קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניעס פאר די אר־בייטסלאָזע. ער האָט מיט דיעזען פּלאַן פאראינטערעסירט דעם פּאַר־לאַמענט און אַלע קלאסען פון דער באפעלקערונג. פאר א לאנגע צייט האָט דיעזער פּלאַן פארנומען דעם ערשטען פּלאַץ ביי אַלע געזעלשאפטליכע טהוער. עס זיינען אָבער געווען א סך געגנען דעם פּלאַן: איינינע, מחמת ראָבערט אָוען'ס אפּיקורסישע געדאנקען וואָס ער האָט געהאט ארויסגעזאָגט אויף א פארזאמלונג אין לאָנדאָן, און אנדערע צוליעב פּאָליטישע און עקאָנאָמישע טעמים.

דער רושם וואָס די אגיטאציע פאר די קאָלאָניעס פאר ארבייטס־לאָזע האָט געמאכט איז געבליבען אויף א לאנגע צייט און האָט בע־איינפלוסט די ענטוויקלונג פון דעם ראדיקאלען געדאנק אין ענג־לאנד.

ראָבערט אָוען מאכט א רייזע איבער איירָאפּא, באַגעגענט זיך מיט די איינפלוסרייכסטע מענשען פון יעדען לאנד און זוכט זיי צו פאראינטערעסירען אין זיינע פּלענער פון קאָאָפּעראציאָן. ער בא־זוכט אויך אירלאנד און האלט אָפּ א סעריע לעקציעס איבער זיינע סאָציאַלע אידעען. די גרעסטע און רייכסטע מענער פון אירלאנד האָבען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט זיך צוגעהערט צו זיינע פּלע־נער. דאָס איז אָבער געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס אָוען האָט זיך געווענדעט צו די רייכע און אריסטאָקראטישע עלעמענטען. ער האָט זיך איבערצייגט אז זייער סימפּאטיע קען ווייט ניט געהן, ווייל זיי זיינען ניט שטארק פאראינטערעסירט אין איבערבויען די וועלט אויף נייע יסודות. ער האָט דעריבער אנגעהויבען רעדען צו דעם עלעמענט וואָס ליידעט פון דער איצטיגער אָרדנונג און איז פאר־אינטערעסירט מיט לייב און לעבען אז א בעסערע און גערעכטערע וועלט זאָל אויפגעבויט ווערען, און ער האָט פארבונדען זיין לעבען מיט'ן ארבייטער קלאַס.

## 3. אוען׳ס עקאָנאָמישע טעאָריע.

ביז איצט איז ראָבערט אָוען געקומען צו זיינע פּלענער, וועגען אויסבעסערען די מענשליכע געזעלשאַפט, פון א ריין עטישען שטאנדפּונקט. ער האָט געגלויבט אז דורך פאָרמירונג פון כאראַק־טער קען די מענשליכע נאטור געענדערט ווערען: די שלעכטע קע־נען ווערען גוט, אומרוהיגע—רוהיג, און פוילע—ארבייטסזאם. די עקאָנאָמישע זייט פון דער דאָזיגער פּראָבלעם האָט ער כמעט אין גאנצען אויסגעלאָזען.

ער האָט געזעהן ווי מיט דער איינפיהרונג פון מאשינען אין דער אינדוסטריע קען איצט איין פאבריק פּראָדוצירען מעהר סחורה ווי פריהער אלע וועבער פון גאנצען לאנד. ווען די מעכאנישע ער־פינדונגען, האָט ער געגלויבט, זאָלען אָנגעווענדעט ווערען אויך אין דער אגריקולטור וואָלט די פּראָדוקציאָן פון לעבענס־מיטלען אויך פארפיעלפאכט געוואָרען.

מיט דיעזען גלויבען האָט ער געקענט באשטרייטען די טהע־אָריעס פון דעם ענגלישען עקאָנאָמיסט טהאָמאס מאלטוס, וואָס האָט באהויפּטעט אז די מענשליכע באפעלקערונג וואקסט אין א גרע־סערע פּראָפּאָרציע ווי די פּראָדוקציאָן פון לעבענס־מיטלען וואָס די נאטור קען ארויסגעבען; אז אָרימקייט קען אנדערש ניט אָפּגע־שאפט ווערען סיידען עס זאָל פארקלענערט ווערען די באפעלקע־רונג, און מאלטוס׳עס עצה איז, דעריבער, געווען אז עס זאָלען גע־בוירען ווערען ווייניגער קינדער.

וואָס עס וועלען זיין די עקאָנאָמישע באציהונגען פון די קאָ־אָפּעראטיווע קאָלאָניעס מיט אנדערע געזעלשאפטען וואָס עקזיס־טירען ניט אויף דעם יסוד פון קאָאָפּעראציאָן, ווי אזוי וועלען זיי קויפען אָדער אויסבייטען סחורה פון אנדערע, וואָס וועט באשטימען דעם ווערטה און די פּרייזען פון די פּראָדוקטען, מיט דיעזע פראגען האָט ראָבערט אָוען זיך נאָך ניט געהאט באשעפטיגט.

אין מאי, 1820, אין א רעפּאָרט צו א קאָמיטע פון דעם בעצירק פון לאנארק לעגט ער פאָר, צום ערשטען מאָל, א פּלאָן ווי אזוי צו רעפאָרמירען די מענשליכע געזעלשאפט, ארויסגעהענדיג פון

אן עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט. ער ווייזט אָן אז די סיבה פון אָרימקייט איז ניט ווייל עס פעהלען אויס לעבענעס־מיטלען נאָר ווייל די פאַרטהיילונג פון די פּראָדוקטען איז א פאַלשע. די פאַר־טהיילונג קומט פאָר ניט אויף דעם באַזיס פון אויסבייטען פּראָ־דוקטען אויף פּראָדוקטען נאָר דורך א פאַרמיטלונגס־פּראָצעס וואָס באַשטימט דעם ווערטה פון די אַרטיקלען, דאָס איז דורך געלד. דיעזע מאָס צו באַשטימען ווערטהען איז א פאַלשע. עס ברייננגט דערצו וואָס פון איין זייט קלייבט זיך אָן אָהן א שיעור רייכטהום און פון דער צווייטער זייט הערשט א שרעקליכע אָרימקייט.

ער שלאָגט, דעריבער, פאָר אז די נאַטירליכע מאָס צו באַ־שטימען די ווערטה פון פּראָדוקטען זאָל זיין אין פּרינציפּ, מענש־ליכע ארבייט, אָדער די שאַפונג פון די פאַראייניגטע פיזישע און גייסטיגע מענשליכע כחות.

דורך אָננעהמען דיזע מאָס וואָלטען אלע עקאָנאָמישע איבלען פון דער איצטיגער סיסטעם געקענט אָפּגעשאַפט ווערען און דאָס רייכטהום פון דער געזעלשאַפט וואָלט פאַרטהיילט געוואָרען צו די יעניגע וואָס האָבען דאָס געשאַפען.

### 4. אַמעריקאַנער קאָלאָניע ניו האַרמאָניע.

אין 1824 ווערט פאַר איהם פאָרגעלייגט דער פּלאַן צו אָפּקוי־פען די קאָמוניסטישע קאָלאָניע „האַרמאָניע", אין דעם סטייט אינ־דיאַנא, אמעריקא, וואָס איז געווען געגרינדעט פון א גרופּע דייטשע אימיגראַנטען, א רעליגיעז־פאַרפאָלגטע סעקטע. און ראָבערט אָוען נעהמט אויף מיט צופריעדענהייט דעם פאָרשלאָג. ער האָט דער־זעהן א נייע געלעגענהייט צו דורכפיהרען זיינע פּלענער. ער האָט געגלויבט דאָס אין אמריקא, א לאַנד וואָס איז נאָך פריי פון די פאַראורטהיילען און פון די פאַרשימעלטע מנהגים פון דער אַלטער וועלט, וועט מעגליך זיין צו גרינדען אידעאַלע קאָמונעס. ער קויפט אָפּ די קאָלאָניע מיט דעם גאַנצען אייגענטהום פאַר דער סומע פון 140,000 דאָלאַר, און לאָזט ארויס אן אויפרוף צו אלע פלייסיגע און אידעאַליסטישע ארבייטער פון אלע נאַציאָנען (פון דער ווייסער

ראַפּע) צו קומען זיך באַזעצען אין דער נייער קאָמוניסטישער קאָ־לאָניע.

אין 1825 קומט ער אָן אין אמעריקא און האלט א רעדע אין קאָנגרעס, אין וואַשינגטאָן. פּרעזידענט מאָנראָו, מיניסטאָרען, ריכטער און א סך אנדערע פּראָמינענטע מענער האָבען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די נייע געדאַנקען וואָס ראָבערט אָוען האָט פאַר זיי ענטוויקעלט.

אויף זיין איינלאַדונג האָבען זיך אָפּגערופען קרוב צו טויזענד בעלנים, און אין גיכען איז „ניו האַרמאָני״, ווי די קאָלאָניע האָט זיך איצט גערופען, געוואָרען באַזעצט מיט א נייע באַפעלקערונג. יע־דער איינער האָט זיך אויסגעקליבען א באַשעפטיגונג צו וועלכער ער האָט געפיהלט א נאַטירליכע נייגונג—די קאָלאָניע איז באַשטאַנען פון אינדוסטריע און אגריקולטור. און ווען ראָבערט אוען איז געווען אויף א באַזוך אין ענגלאַנד איז איהם געלונגען צו פאַראינטערע־סירען א גרופּע וויסענשאַפטס־מענער וואָס זיינען געקומען מיט איהם צו וואוינען אין „ניו האַרמאָני״.

די פאַרשיעדענאַרטיגע באַפעלקערונג וואָס איז זיך צונויפגע־קומען אין „ניו האַרמאָני״ איז, משמעות, ניט געווען נאָך רייף צו אזא אידעאַליסטישען צוזאַמענלעבען, און גאָר אין גיכען האָט זיך די געזעלשאַפט געשפּאָלטען אויף צוויי־ען; און צוויי באַזונדערע קאָלאָניעס, ביידע אויף דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט און קהל׳שען אייגענטהום, האָבען זייט ביי זייט עקזיסטירט.

א שול קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרען וואָס האָט אָפּגעקויפט פון ראָבערט אָוען 900 אקער גוטע לאַנד, און געגרינדעט א מאָדער־נע שול אין „ניו האַרמאָני״. ביי 400 קינדער האָבען באַזוכט די שול, וואו מען האָט זיי געלערענט, צוזאַמען מיט אלגעמיינע לימודים אויך פאַרשיעדענע מלאכות און צוגעגרייט זיי צו זיין נוצליכע מיט־גליעדער אין א פרייער געזעלשאַפט.

אין משך פון א פּאָר יאָהר האָבען זיך די צוויי קאָלאָניעס גע־שפּאָלטען אין קלענערע גרופּען, און אן ערך פון צעהן באַזונדערע גרופּען האָבען שוין עקזיסטירט. צווישען די מיטגליעדער זיינען

געווען א סך וואָס האָבען ניט געקענט אויסוואָרצלען פון זיך דעם געפיהל פאַר האנדעל און ספּעקולאציע און זיי פלעגען פּארקויפען משקאות און אַנדערע אוננוטיגע ארטיקלען און דורך דעם צונע־וואוינט די באַפעלקערונג צו אויסברייננערייי.

ווען ראָבערט אָוען האָט זיך איבערצייגט אז פון דעם עלעמענט מענשען וועט שוין „ניו הארמאָני" קיין אידעאלע געזעלשאפט ניט ווערען האָט ער זיי פאַרגעשלאָגען צו דינגען ביי איהם די ערד פאַר פּריוואַט באַזיץ און יעדער זאָל בעארבייטען זיין שטיקעל לאַנד אויף זיין אייגענעם רעכענונג, אָבער זיי זאָלען אמוועניגסטען צוזאמען אויפהאַלטען די ערציהונגס סיסטעם, וואו זייערע קינדער זאָלען ווערען צוגעגרייט צו קענען פיהרען א קאָמוניסטישען לעבען.

אין דער צייט וואָס אָוען האָט פאַרבראַכט אין די פאראייניגטע שטאַאטען האָט ער דורכגעררייזט כמעט דאָס גאַנצע לאַנד און אומע־טום געהאַלטען רעדעס און פּראָפּאַגאַנדירט זיינע אידעען. אלס רעזולטאַט פון זיין פּראָפּאַגאַנדא זיינען אין עטליכע שטאַאטען געגרינדעט געוואָרען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. הגם די דאָזיגע עקספּערימענטען האָבען ניט פאַרווירקליכט די האָפנונגען פון ראָ־בערט אָוען, זיינען זיי אָבער פאַר אַ לאַנגע צייט געווען לעבעדיגע עדות פון פּראַקטישען אידעאליזם, און האָבען בעאונרוהיגט די מוחות פון דענקענדע מענשען וואָס האָבען געמאַכט איין פאַרזוך נאָך'ן צווייטען אויף'ן געביט פון קאָאָפּעראַציאָן.

דער דורכפאַל פון „ניו הארמאָני" האָט ראָבערט אָוען'ס ענ־טהוזיאַזם ניט אָפּגעקיהלט. ער מאַכט א רייזע קיין מעקסיקא מיט דער אבזיכט צו מאַכען א נייעם עקספּערימענט מיט א קאָמוניס־טישער קאָלאָניע אין טעקסעס. אויף זיין וועג צוריק, דורך די פאַר־אייניגטע שטאַאטען, האַלט ער אָפּ א סעריע לעקציעס און פאָדערט אויף די גלחים פון אמעריקא צו א דעבאַטע איבער זיינע מיינונ־גען: ערשטענס, אז אלע רעליגיאָנען זיינען געגרינדעט אויף דער אונוויסענהייט פון די מענשען; צווייטענס, אז די רעליגיאָנען זיי־נען אין געגענזאַץ צו די געזעצען פון דער נאַטור; דריטענס, אז זיי זיינען געווען און זיינען אויך איצט די אמת'ע סיבה פון פאַר־

ברעכען, מחלוקת און אלערליי צרות אויף דער וועלט; פיערטענס, אז זיי זיינען אין דער איצטיגער צייט די איינציגע שטערונג צו דער גרינדונג פון א געזעלשאפט באזירט אויף גוטע און פריינד־ליכע באציהונגען אין דעם ברייטסטען זין פון ווארט, און זיינען בכלל א שטערונג צו טרייהייט און ליעבשאפט צווישען דער מענש־הייט; און פינפטענס, אז די רעליגיאנען קענען ליינגער ניט אויפ־געהאלטען ווערען סיידען דורך דער אונוויסענהייט פון די מאסען און דורך דער טיראנישער הערשאפט פון די איינצעלנע איבער די מאסען.

א גלח פון'ם שטאאט ווירדזשיניא, אלעקסאנדער קעמפבעל, האט אנגענומען די ארויספאדערונג. די דעבאטע האט שטאטגע־פונדען אין מאנאט אפריל, 1829, אין סינסינעטי, אהייא, און האט געדויערט אכט טעג נאכאנאנד.

אין ענגלאנד האט ראבערט אוען'ס פראפאגאנדא דערגרייכט אלע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט און אין א סך ערטער זיינען געגרינדעט געווארען אוען'איסטישע פאראיינען און פארשיעדענע פארזוכען זיינען געמאכט געווארען מיט קאאפעראטיווע קראמען, בילדונגס אנשטאלטען, אגריקולטור קאלאניעס, און אנדערע געבי־טען פון קאאפעראציאן. עס הויבט אן צו ערשיינען „דער עקאנא־מיסט", א פעריאדישער זשורנאל וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו ערקלעהרען די נייע סיסטעם פון א געזעלשאפט וואס ווערט פראיעקטירט פון ראבערט אוען.

אין יאנואר, 1821 ווערט אין לאנדאן אפגעהאלטען א מיטינג פון זעצער און אנדערע איינגעלאדענע און עס ווערט געגרינדעט די קאאפעראטיווע און עקאנאמישע געזעלשאפט, פאר דעם צוועק צו גרינדען א קאאפעראטיווע קאלאניע וואס זאל פאראייניגען אג־ריקולטור מיט אינדוסטריע לויט די אידעען פון ראבערט אוען. עס איז זיי אבער ניט געלונגען דורכצופיהרען די גרויסע אונטערנעה־מונג און זיי האבען זיך תחילת צופריעדענגעשטעלט מיט א מין קאנסום פאראיין וואו זיי פלעגען איינקויפען שפייז אין „האלסייל" און שפארען דורך דעם 30 פראצענט אין פרייז.

5. זיינע צייט געגאַסען.

איינער פון די הייסטע נאָכפאָלגער פון ראָבערט אָוען׳ס אידעען איז געווען אייבערעהעם קאָמב, א גארבער פון עדינבורג. אין 1820, ווען ער איז אלט געווען 35 יאָהר, האָט ער באזוכט ניו לאַנאַרק און איז געוואָרען אן איבערגעבענער אנהיינגער פון אָוען׳ס אי־דעען. ער קומט צוריק אין עדינבורג און גרינדעט א געזעלשאַפט נאָך׳ן מוסטער פון ניו לאַנארק. זיי צעהלען שוין פינף הונדערט מיטגליעדער און עפענען א קאָאָפּעראַטיווע קראָם און פיהרען איין קלאַסען אין שול פאר די קינדער. די געזעלשאפט עקזיסטירט א יאָהר צייט און מוז זיך אויפלייזען.

קאָמב פּרובירט דערנאָך צו גרינדען א קאָמונע מיט די ארביי־טער פון זיין גארבארניע. ער בויט אויס פאר זיי שלאָפצימערען, א קיך און פארשפּרעכט א חלק פון די פאַרדיענסטען פון דער גארבארניע פאר די וואָס וועלען לעבען אין דער קאָמונע. דיעזער פארזוך האָט זיך איהם אויך ניט איינגעגעבען.

קאָמב פאראייניגט זיך מיט נאָך איניגע רייכע אָנהענגער פון אָוען ווי האמילטאָן, דזשאנס און אנדערע, און זיי קויפען אָפּ די נחלה „אָרביסטאָן", וואָס האָט צוויי הונדערט-און-ניינציג אַקער לאנד, ארום ניין מייל פון גלאזגאָ. אין 1826 ווערט די קאָמונע באזעצט מיט דריי הונדערט מיטגליעדער, די מעהרסטע, ווייט ניט פּאסיג פאר א קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, דאָך נאָך שווערע מיה איז געלונגען צו איינאָרדנען די ווירטשאפט און צו דיסציפּלינירען די קינדער. אין 1827 ווען ראָבערט אָוען האָט באזוכט „אָרביס־טאָן" האָט ער געפונען די קאָלאָניע אין א בליהענדען צושטאנד. אין אויגוסט פון דעם זעלבען יאָהר שטארבט אייבערעהעם קאָמב פון א פארקיהלונג וואָס ער האָט געקראָגען בעת ארבייטענדיג אויפ׳ן פעלד, און מיט א פּאָר חדשים שפּעטער קומט א סוף צו דער קאָמונע. די מיטגליעדער מוזען פארלאָזען די קאָלאָניע ווייל מען מוז פארקויפען דאָס לאנד צו באצאָהלען די חובות. איניגע מוזען געהן זיצען אין טורמע פאר ניט קענען באצאָהלען די חובות, פאר וועלכע זיי זיינען געווען פערזענליך פאראנטוואָרטליך. איי־

נער פון די אײַנגעזעצטע אין טורמע, אַלעקס קאַמפּבעל, געװעזע־נער פאַרװאַלטער פון דער שולע פאַר אינגלעך, שרײַבט פון טורמע צו ראָבערט אָוען אַז ער איז איצט נאָך מעהר איבערצײַגט אין דעם אמת פון זײַנע, אָוען׳ס, טהעאָריעס, און אויב ער װעט װערען באַ־פרײַט װעט ער קעמפּפען פאַר אַ געזעלשאַפטליכע סיסטעם װאָס זאָל שטעהן העכער פון דער איצטיגער סיסטעם װי בילדונג שטעהט העכער פון אונװיסענהײַט. און אַזױ האָט דער ערשטער פאַרזוך אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב צו גרינדען אין ענגלאַנד אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט נאָך די פּרינציפּען פון ראָבערט אָוען, זיך אויסגע־לאָזען מיט אַ דורכפאַל.

די דורכפאַלען פון די דאָזיגע עקספּערימענטען האָט פאַר־שטאַרקט די איבערצײַגונג בײַ דעם ארבײַטער קלאַס אַז כדי אַ פאַרזוך צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די ארבײַטער זאָל זײַן ער־פאָלגרײַך, מוז עס געמאַכט װערען פון זײ אַלײן; װײַל אויב עס זאָלען זיך אפילו געפינען אַ גרויסע צאָל רײַכע לײַט, װי אָוען און קאָמב, װאָס זאָלען װעלען ריזיקירען זײַערע פאַרמעגענס פאַר סאָצ־יאַלע עקספּערימענטען װעלען זײ אָבער פאַרלאַנגען אַז אַלץ זאָל געטהאָן װערען װי זײ װעלען באַשטימען, „און אַזױ װי זײַער װעג איז ניט אונזער װעג װעט שװער זײַן צו גרינדען אַ געזעלשאַפט װאו מיר זאָלען זיך פיהלען אין פאָלשטענדיגער גלײַכהײַט און װיסען אַז דאָס איז אונזערס און פאַר אונז״.

עס גרינדען זיך ארבײַטער פאַראײַנען, פאַר דעם צװעק פון קאָאָפּעראַציאָן, איבער גאַנץ ענגלאַנד. פיעלע פון זײ טרעטען באַלד צו צו פּראַקטישער ארבײַט. אײניגע עפענען קאָאָפּעראַטיװע קראָ־מען, אַנדערע ארבײַטען פאַר דער ערציהונג פון די קינדער, און אַלע צוזאַמען שטרעבען, דורך פאַראײַניגטע כחות, צו גרינדען אַ געזעלשאַפט װאו זײ װעלען לעבען אין ברידערליכקײַט און געני־סען די פולע פּרוכט פון זײַער ארבײַט.

אין 1830 עקזיסטירען שוין אין ענגלאַנד דרײַ הונדערט קאָ־אָפּעראַטיװען אָרגאַניזירט פון ארבײַטער װאָס זײַנען דורכגעדרונ־גען מיט די געדאַנקען פון ראָבערט אָוען.

אײנער פון די גרעסטע אַנהענגער פון ראָבערט אָוען, װאָס האָט

געווידמעט זיין לעבען צו פאַרשפּרייטען די געדאַנקען פון סאָציאַ־ליזם און קאָאָפּעראַציאָן, איז געווען וויליאַם טהאָמפּסאָן, און ווען ער איז אין 1833 געשטאָרבען האָט ער געלאָזט זיין פאַרמעגען פון 50,000 דאָלאַר פאַר דעם צוועק צו גרינדען א קאָמוניסטישע גע־זעלשאַפט.

נאָך דעם דורכפאַל פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער קאָ־לאָניע „ניו האַרמאָני'' קעהרט ראָבערט אָוען זיך אום צוריק אין ענגלאַנד און גיט זיך אָפּ מיט געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט און מיט פּראָפּאַגאַנדירען זיינע אידעען.

ער רעדאַקטירט און גיט אַרויס צוויי צייטונגען. צוערשט: „דער קריזיס'', און דערנאָך „די נייע מאָראַלישע וועלט''. די גאַנצע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ קלייבט זיך צונויף אַרום איהם און ער ווערט דער צענטער פון אַלע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע באַוועגונגען.

ער פּרובירט דורכצופיהרען אין דער פּראַקטיק זיין לעהרע אַז מענשליכע אַרבייט איז די מאָס פון דער ווערטה פון פּראָדוקטען און גרינדעט אין 1832, אין לאָנדאָן, פאַר דיעזען צוועק א באַנק פאַר אַרבייט־אויסטויש. יעדער אַרבייטער פלעגט ברייגנען זיינע




אַן אַרבייטס־צעטעל פאַר צוויי שטונדען אַרבייט

פראָדוקטען און באקומען דערפאר אזעלכע קרעדיט־צייכענס וואָס האָבען באטראָפען די פרייז פון דעם ארטיקעל, ניט אין געלד, נאָר אין ארבייטס־שטונדען. מיט דיזען צעטעל פלעגט ער קענען צאָהלען פאר ארטיקלען וואָס ער האָט געקויפט. דער פרייז פון אלע אר־טיקלען איז געווען אין ארבייטס־שטונדען. תחילת האָט די באנק געהאט א גרויסען ערפאָלג. עס האָבען שוין אָנגעהויבען זיך גרינדען אָפּטהיילונגען אין אנדערע שטעדט. אָבער אין גיכען האָבען אָנגע־הויבען זיך באווייזען מיינונגס פארשיעדענהייטען, און אויך אוי־סערליכע שטערונגען, און די באנק האָט געמוזט אויפגעלעזט ווערען.

ראָבערט אָוען און זיינע נאָכפאָלגער האָבען באלד געפונען אן אנדער פעלד פאר זייער אקטיוויטעט. די טרייד יוניאָן באוועגונג וואָס האָט אין די יאָהרען 1833־4 זיך שנעל פארשפרייט איבער ענגלאנד ווערט פון די אָוען׳יסטען שטארק געשטיצט. עס ווערען דורכגעפיהרט א רייהע סטרייקס און די ארבייטער טרעטען שוין ארויס ווי א קעמפפענדער קלאס. ראָבערט אָוען וואָס איז שטענדיג געווען א געגנער פון קאמפפס מיטלען ווערט אריינגעצויגען אין דעם קלאסען קאמפף פון דעם ענגלישען פראָלעטאריאט. אין מארטש 1834, ווערען 6 ארבייטער פאר׳משפט צו זיצען אין טורמע פאר באלאנגען צו א יוניאָן און ראָבערט אָוען מארשירט צוזאמען מיט דרייסיג טויזענד ארבייטער אין א דעמאָנסטראציע צו פּראָטעסטי־רען געגען דיעזען שענדליכען משפט.

### 6. אָוען׳ס לעצטע יאָהרען.

די קאָאָפּעראטיווע און טרייד יוניאָן באוועגונגען שטעלען איהם ניט אין גאנצען צופריעדען. ער זעהט ניט אין זיי דעם ענדגילטי־גען ציעל פון זיינע אידעען. ער קען ניט מאכען קיין קאָמפּראָמיסען מיט זיינע אידעאלען. א נייע געזעלשאפטליכע סיסטעם איז זיין ענד ציעל. און ראָבערט אָוען מיט זיינע נאָכפאָלגער גיבען זיך אָפּ מיט פּראָפּאגאנדירען דעם ריינעם סאָציאליזם. אין 1835 ווערט געגרינדעט די „געזעלשאפט פון אלע קלאסען פון אלע נאציאָנען״. די דאָזיגע געזעלשאפט ווערט אין גיכען פארצווייגט איבער׳ן גאנ־צען לאנד. דער צוועק איהרער איז דורכצופיהרען אין דער פּראק־

טיק די סאָציאַלע סיסטעם וואָס ווערט פאָרגעשלאָגען פון ראָבערט אָוען. די געזעלשאַפט גיט זיך אָפּ מעהרסטענטיילס מיט בילדונג און אויפקלעהרונג. עס ווערען פארשפרייט די ביכער פון ראָבערט אָוען אין וועלכע ער קריטיקירט די עקזיסטירענדע אָרדנונג און די קירך. דאָס גיט א געלעגענהייט די צבוע׳קעס און די פינסטערלינגע אָנצוהויבען א „היילינען קריעג״ געגען ראָבערט אָוען און אלע סאָציאַליסטען. די דאָזיגע צייט איז געווען די שטורמדיגסטע אין דעם לעבען פון ראָבערט אָוען. ער קעמפפט מיט וואָרט און שריפט אין צייטונגען, אויף פּלאַטפאָרמעס און דעבאַטען, און איז פיעל מאָל אויסגעזעצט צו לעבענס-געפאהר דורך די העצעס פון זיינע שונאים.

אין 1839 ווערט נאָך א מאָל געמאַכט א פארזוך צו גרינדען א קאָמוניסטישע קאָלאָניע אין „קווינוואוד״, זעקס מייל פון סטאָק-ברידזש, ענגלאַנד. ראָבערט אָוען און זיינע פריינד זיינען מקריב געלד און ענערגיע און נאָך א פּאָר יאָהר עקספּערימענטירענדיג מוז אויך דיעזער פארזוך אויפגעגעבען ווערען.

בעת, אָבער, די לעצטע עקספּערימענטען צו גרינדען קאָאָפּע-ראַטיוועז דורך פילאַנטראָפּיע האָבען זיך געענדיגט מיט א דורכפאַל, איז אויף אַן אנדער אָרט אויפגעגאַנגען די פּרוכט וואָס ראָבערט אָוען האָט פארזעעט.

אין 1844 איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג דורך דער איניציאַטיווע פון די סאָציאַליסטיש-געזאָנענע ארבייטער פון דער פאבריק שטעדטיל ראָטשדייל, ענג-לאַנד, וועלכע איז געוואָרען דער מאָדעל פון א פּראָלעטארישער אונטערנעהמונג פאר דער גאַנצער וועלט.

פון 1844 ביז 1846 פארברייננט ראָבערט אָוען אין אמעריקא, ביי זיינע זיהן וואָס זיינען פארבליבע וואוינען אין „ניו האַרמאָני״. ער באַרייזט אמעריקא און האַלט רעדעס אומעטום איבער סאָציאַ-ליזם און קאָאָפּעראַציאָן, און באַזוכט די ניי-געגרינדעטע סאָציאַ-ליסטישע קאָלאָניעס פון אָהייאָ און מאַססאַטשוזעטס.

קומענדיג צוריק אין ענגלאַנד נעהמט ער זיך ווידער צו סאָצ-

יאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע ער הערט ניט אויף ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

דעם 17־טען נאָוועמבער, 1858, איז ראָבערט אָוען געשטאָר־בען אין ניוטאַן, אין דער זעלבער שטעדטיל, וואו ער איז מיט 87 יאָהר צוריק געבוירען געוואָרען. זיין עלטסטער זוהן ראָבערט דעיל אָוען איז געשטאַנען ביי זיין בעט אין די לעצטע מינוטען.

אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט דער פסוק פון זיינע לעהרען: „עס איז דער גרעסטער אינטערעס פאַר דער מענשהייט צו זיין פריינדליך פאַראייניגט און צו העלפען איינס דאָס אַנדערע אויף וויפיעל עס איז מעגליך״.

ראָבערט אָוען האָט געהאַט דעם בליק פון א נביא. ער האָט געזעהן דאָס אָנקומען פון א נייע וועלט און ער איז געקומען צו די מענשען פּרעדיגען זיי זאָלען זיך צוגרייטען צו קענען לעבען אין דער נייער וועלט. מיט דער עקשנות פון א נביא האָט ער אָנגעפיהרט דעם קאַמפּף פאַר סאָציאַלע גערעכטיגקייט. ער האָט געמאַכט זיין רייכטהום און זיין פּערזענליכען איינפלוס, די ווערקצייג צו באַפריי־ען די אָרימע און אונטערדריקטע. און ער האָט זוכה געווען אז זיינע געדאַנקען זאָלען באַהערשען די מחות פון די קומענדע דורות.

ראָבערט אָוען איז געווען א קאַפּיטאַליסט וואָס האָט געלערענט די ארבייטער אָפּצושאַפען קאַפּיטאַליזם; ער איז געווען א פאַבריי־קאַנט וואָס האָט געהאָלפען צו אָרגאַניזירען יוניאָנס, ער האָט גע־ארבייט פאַר דער פאַרפאַסונג פון ארבייטער געזעצען און פאַר דעם 8 שטונדיגען ארבייטס־טאָג. ער איז געווען דער גרינדער פון די ערשטע קינדער־שולען. ער האָט געגרינדעט א באַנק פאַר דער אויס־טוישונג פון אַרבייט. ער האָט געפּרעדיגט אינטערנאַציאָנאַלען שלום און די פאַרברידערונג פון דער מענשהייט אין א צייט ווען אזעל־כע געדאַנקע זיינען געווען אפּיקורסות. ער איז אין זיין לעבען אויס־געלאַכט געוואָרן אלס אוטאָפּיסט און פאַנטאַזיאָר פאַר זיין גלויבען אין א צוקונפט פון יושר און גערעכטיגקייט. און א סך פון זיינע אָפּשפּעטער און אויסלאַכער זיינען דערנאָך געוואָרען באַ־ריהמט דורך זייער אַנטהייל נעהמען אין די באַוועגונגען וואָס ראָ־בערט אָוען האָט געגרינדעט.



ראָבערט אָוען׳ס קבר אין ניוטאָן, מאָנטגאָמערשייר, ענגלאַנד

## קאַפּיטעל ד

### 1. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג נאָך אָוען'ס טויט.

דער ערפאָלג וואָס די פּלאַנעל־וועבער פון ראָטשדייל האָבען געמאַכט מיט זייער קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעהמונג האָט אָפּגע־קלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. אין סקאָטלאַנד האָט מען זיך שטאַרק צוגעהערט וואָס אין ראָטשדייל קומט פאָר. דאָס זעלבע אין פראַנקרייך, איטאַליען, דייטשלאַנד, רוסלאַנד און אמעריקאַ; און אפילו אין ווייטען אויסטראַליען האָט דערגרייכט דער קלאַנג, און מענשען זיינען געווען באַגייסטערט וואָס דער געדאַנק פון קאָ־אָפּעראַציאָן האָט ענדליך געשלאָגען וואָרצלען אין באָדען.

עס האָט אָנגעהויבען ווערען קלאָר וואָרום די פריהערדיגע עקס־פּערימענטען זיינען דורכגעפאַלען: ביי די עלעמענטען וואָס האָבען אויפגענומען די ערשטע עקספּערימענטען איז דער ערפאָלג פון א קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעהמונג געווען א טפל, פון קלענערער באַ־דייטונג; ביי זיי איז געווען דער עיקר די אידעען וואָס זיי האָבען געוואָלט אויפהאַלטען אָדער פאַרשפּרייטען. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט פאַר זיי געדיענט בלויז ווי א מיטעל צום צוועק, און אזוי גיך ווי זייערע מיינונגען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט די מיינונגען פון אנדערע—א זאַך וואָס עס איז, כמעט, אונפאַר־מיידליך צווישען מענשען־גרופּען—און ניט וועלענדיג פאַרלירען אפילו קיין קוצו־של־יוד פון זייערע גלויבענס האָט, נאַטירליך, דער קאָאָפּעראַטיוו געמוזט צופאַלען ווערען.

ביי די וועבער פון ראָטשדייל איז דער ערפאָלג פון דעם קאָ־אָפּעראַטיוו געווען דער עיקר. זיי האָבען געזוכט צו פאַרבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאַגע דורך דיעזער אונטערנעהמונג. זיי האָבען געקענט זיך ערלויבען צו זיין טאָלעראַנט גענוג צו דולדען צווישען זייערע מיטגליעדער, גלויביגע פונקט ווי אפּיקורסים. און די גאַנצע צייט האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו ערציהען זייערע מיטגליעדער צו דעם דאָזיגען געדאַנק. דאָס איז, קען מען זאָגען, געווען דער סוד וואָס אָרימע קליינשטעדטילדיגע ארבייטער האָבען געקענט דער־

גרייכען דאָס וואָס רייכע און געבילדעטע פון לאָנדאָן און אַנדערע גרויסע שטעדט האָבען אַזוי פיעל מאָל פּרובירט און ניט דערגרייכט.

די גרינדער פון ראָטשדיילער קאָאָפּעראַטיוו האָבען זיך גערופען „פּיאָנערען פון יושר". זייער צוועק איז געווען צו אַריינברינגען יושר אין דער אינדוסטריע. זיי האָבע אַלע געליטען פון דער ניט־יושר'דיגער סיסטעם און עס האָט, דעריבער, ניט געקענט זיין קיין חלוקי דעות ביי זיי וועגען דער נויטיגקייט פון יושר.

עס איז בלויז געווען א פראַגע ווי אזוי מאַכט מען די ארבייטער צו קויפען אַן אַקציע פאַר 5 פונט שטערלינג (25 דאָלאַר). ניט זיי האָבען פאַרמאָגט אַזא סומע און ניט ס'איז געווען א האָפנונג אַז אַן ארבייטער זאָל ווען עס איז אָפּשפּאָרען אזא סומע. איינער פון די גרינדער, טשאַרלס האָווארד, האָט צוגעקלעהרט א פּלאַן אַז די מיטגליעדער וואָס קויפען אין דער קאָאָפּעראַטיווער קראָם זאָלען קריגען א טהייל פון דעם פּראָפיט, נאָר אַנשטאָט איהם אויסצאָהלען אין מזומן, זאָל מען דעם קונה, ווען עס וועט זיך אָנקלייבען אויף זיין חלק 5 פונט, געבען אַן אַקציע און ער זאָל ווערען א „שערהאָלדער". דעם פּראָפיט נאָכדעם וועט ער שוין קענען, אויב ער וועט וועלען, קריגען אין מזומן. און אזוי ארום האָבען ארבייטער געשפּאָרט געלד, און געוואָרען „שערהאָלדערס" פון אַן אונטערנעהמונג אָהן קיין באַזונדערע אַנשטרענגונג. עס איז אויסגעקומען אַז וואָס איינער האָט געהאַט מעהר קינדער אַלץ מעהר געלד האָט ער געשפּאָרט אין דעם קאָאָפּעראַטיוו, ווייל ער פלעגט דאָך קויפען מעהר פּראָדוקטען.

איינער פון די הויפּט פּרינציפּען וואָס די ראָטשדייל'ער פּיאָנערען האָבען איינגעפיהרט, איז וואָס יעדער מיטגליעד האָט א גלייכע דעה ניט אַכטענדיג אויף דער צאָהל שעהרס וואָס ער האָט. די סחורה ווערט פאַרקויפט אויף דעם מעגליכסט ביליגען פּרייז און די מיטגליעדער קריגען דערנאָך אויסגעצאָהלט פון די פּראָפיטען לויט נאָך דער פּראָפּאָרציע וואָס זיי האָבען אויסגעגעבען אין דער קאָאָפּעראַטיווער קראָם, און ניט לויט נאָך דער צאָהל שעהרס וואָס זיי באַזיצען.

דערמיט אונטערשיידעט זיך, וואָס אָנבעלאַנגט פאַרוואַלטונג,

קאָאָפּעראַציע פון קאָרפּאָראַציע. אין א קאָרפּאָראַציע האָט יעדער מיטגליעד אזוי פיעל שטימען וויפיעל שעהרס ער האָט, וואו ניט די איינצעלנע מיטגליעדער האָבען די הויפּט דעה נאָר די סומע פון קאַפּיטאַל וואָס די רייכערע מיטגליעדער לייגען אריין אין דער אונטערנעהמונג. אין קאָאָפּעראַטיוו אָבער האָט יעדער מיטגליעד איין שטימע, ניט אַכטענדיג צו ער האָט איין שעהר אָדער מעהר.

דאָס אַלעס איז אָבער געווען א קלייניגקייט אין פארגלייך מיט דעם רושם וואָס דאָס אויסצאָהלען פון פּראָפיטען האָט געמאכט. דאָס וואָס די מיטגליעדער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו האָבען אָנגעהויבען אויסזעהן שעהנער און געזינטער, ווייל זיי פלעגען עסען בעסער און זיך קליידען שעהנער ווי זייערע שכנים, איז געווען דער שטאַרקסטער ארגומענט לטובת די קאָאָפּעראַטיוון. די פּאַרבעסערטע לאַגע פון די קאָאָפּערייטאָרס האָט זיך גלאָזט פיהלען אומעטום און מעהרערע ארבייטער האָבען געקראָגען חשק צו געניסען די טובות פון קאָאָפּעראַציאָן.

די צאָהל פון די מיטגליעדער איז געוואָרען גרעסער פון יאָהר צו יאָהר און די געשעפטען פון דער געזעלשאַפט זיינען געוואָרען גרעסער מיט יעדען יאָהר.

די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען האָבען זיך געמעהרט מיט יעדען יאָהר. נייע קראָמען האָבען זיך געעפענט אין פארשיעדענע שטעדט איבער'ן גאַנצען לאַנד, און די פראַגע פון א קאָאָפּעראַטיווע האָלסייל איז ארויפגעשוואומען. אויב מען קען דורך א קאָאָפּעראַטיווע קראָם שפּאָרען דעם פּראָפיט פון דעם פּריוואַט קרעמער, וואָרום זאָל מען ניט שפּאָרען די פּראָפיטען פון די האָלסיילערס און אַגענטען דורך א קאָאָפּעראַטיווען האָלסייל געשעפט? די קאָאָפּערייטאָרס האָבען זיך גענומען צו דער גרינדונג פון א האָלסייל. זיי האָבען געמוזט פריהער זעהן צו אָפּשאַפען א געזעץ וואָס האָט פארבאָטען איין קאָאָפּעראַטיוו צו האָבען א חלק אין א צווייטען קאָאָפּעראַטיוו. ווען דאָס איז זיי געלונגען דורכצופיהרען איז דער האָלסייל קאָאָפּעראַטיוו געגרינדעט געוואָרען אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד. אין 1866 זיינען שוין איבער צוויי הונדערט קאָאָפּעראַטיווע פאַראיינען געווען אָנגעשלאָסען אין איהם. און אין

1873, צעהן יאָהר נאָכדעם ווי דער האָלסייל קאָאָפּעראַטיוו איז גע־
גרינדעט געוואָרען, זיינען שוין איבער 134 טויזענד מיטגליעדער
געווען אָנגעשלאָסען אין איהם און ער האָט שוין אריינגעלייזט דאָס
יאָהר איבער זעקס מיליאָן דאָלאַר.

אין 1868 ווערט אויך אין גלאַזגאָו, סקאָטלאַנד, געגרינדעט א
האָלסייל קאָאָפּעראַטיוו מיט דער הילף פון די ענגלישע קאָאָפּעריי־



הויפּט אָפיס פון דער סקאָטלאַנדער קאָאָפּעראַטיוו האָלסייל סאָסייעטי

טאָרס, און אויך די סקאָטלאַנד'ער האָלסייל וואקסט אויס צו א
גרויסער מאַכט.

אין א יאָהר ארום ווערט אָפּגעהאַלטען דער ערשטער קאָנ־
גרעס פון די ענגלישע קאָאָפּעראַטיוועז, און א קאָמיטעט וואָס זאָל
אָנפיהרען די אַרבייט פאַר אַלע קאָאָפּעראַטיוועז איז ערוועהלט

געוואָרען. דער קאָנגרעס ווערט פון דעמאָלט אָן אָפּגעהאַלטען יעדעם יאָהר און דער קאָמיטעט האָט זיך ענטוויקעלט אין דער איצטיגער „קאָאָפּערייטיוו יוניאָן”, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו ערציהען די מאַסען פאַר דעם קאָאָפּעראַטיווען געדאַנק, צו העלפען אָרגאַניזירען נייע קאָאָפּעראַטיווען און צו היטען דער פּאַרלאַמענט זאָל ניט פּאַסען קיין אַנטי־קאָאָפּעראַטיווע געזעצען.

די קאָאָפּעראַטיווע האָלסייל געזעלשאַפט פאַרמאָגט איצט אייגענע באַנקען, פאַבריקען, מילען, וועבערייען, דרוקערייען, קליידערשעפער, פאַרמס און קויהלען מינעס.

פינף טויזענד קאָאָפּעראַטיווע קראָמען איבער גאַנץ ענגלאַנד פאַרזאָרגען מיט לעבענס־מיטלען צוועלף מיליאָן קאָנסומערס, מעהר ווי א פערטיל פון דער גאַנצער ענגלישער באַפעלקערונג. דער אומזאַץ פון דער ענגלישער „קאָאָפּעראַטיוו האָלסייל סאָסייעטי” האָט אין דעם יאָהר 1917 באַטראָפען נאָהענט צו דריי הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

2. אויסשפּרייטונג אין מערב אייראָפּא.

די זריעה וואָס די ראָטשדייל'ער קאָאָפּעראַטיווען האָבען פאַרזעעט האָט אָנגעהויבען אויפשפּראָצען אויך אין אַנדערע לענדער אויסער ענגלאַנד. אין א סך שטעדט איבער אייראָפּא גרינדען זיך קאָאָפּעראַטיווען. ניט אַלע, פאַרשטעהט זיך, מיט דעם זעלבען ערפאָלג. אייניגע מוזען צוליעב דער אָדער אַנדערער אורזאַכע אונטערגעהן. אָבער דער באָדען איז שוין געווען רייף און די קאָאָפּעראַטיווען וואָס האָבען געהאַט אין זיך לעבענס־קראַפט זיינען געבליבען לעבען.

איינע פון די ערשטע קאָאָפּעראַטיווען אין אייראָפּא איז די געזעלשאַפט געגרינדעט אין 1857 אין צוריך, שווייצאַריע. די גרינדער האָבען דעם קאָאָפּעראַטיוו אַ נאָמען געגעבען „קאָנסום־פעראיין” און דיזער נאָמען איז פאַרבליבען אין דער דייטשער שפּראַך צו באַצייכענען די קאָאָפּעראַטיווען אויך אין דייטשלאַנד. די אונטערנעהמונג איז באַשטאַנען פון א בעקעריי און אין צוויי יאָהר ארום האָט שוין די בעקעריי אָפּגעשפּאָרט גענוג קאַפּיטאַל צו

# פרויען ארבייטער אין ענגלישע קאָאָפּעראטיזען

העמדער פאבריק
אין
מאנטשעסטער





איינע פון די
קליידער פאבריקען



א מעדיצין
רום אין
פעלאו

עפּענען אַ שפּייז־קראָם. די געזעלשאַפט עקזיסטירט נאָך ביז היינ־טיגען טאָג און רעכענט זיך פאַר איינע פון די גרעסטע קאָאָפּעראַ־טיווען אין דער שווייץ. אין 1865 איז אין באַזעל, שווייץ, געגרינ־דעט געוואָרען אַ געזעלשאַפט אויף דעם ראָטשדייל׳ען פּלאַן. איצט באַלאַנגט צו דער געזעלשאַפט כמעט די גאַנצע שטאָדט־באַפעל־קערונג. באַזעל איז איצט איינע פון די שטעדט וואו קאָאָפּעראַציאָן האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם פּריוואַטען האַנדעל.

די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קאָנסום פאַראיינען פון פראַנקרייך זיינען געגרינדעט געוואָרען אַרום 1866, אָבער קיין שנעלע ענט־וויקלונג ווי אין אַנדערע לענדער איז אין פראַנקרייך ניט פאָרגע־קומען. ערשט אין 1900 ווערט אין פּאַריז געגרינדעט אַ האָלסייל קאָאָפּעראַטיוו.

פראַנקרייך איז אָבער געווען דאָס ערשטע לאַנד וואו עקספּערי־מענטען מיט פּראָדוקטיווע קאָאָפּעראַטיוען זיינען געמאַכט גע־וואָרען. אַ דאַנק דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון דעם פראַנצויזישען אוטאָ־פּיסט שאַרל פוריע האָבען זיך אָנגעהויבען גרינדען אין פראַנקרייך קאָאָפּעראַטיווע שעפּער אַזוי פריה ווי אין 1831. אין 1848, נאָך דער רעוואָלוציע איז די אידעע פון קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציאָן געוואָרען זעהר פּאָפּולער אין פראַנקרייך און הונדערטע געזעל־שאַפטען זיינען געגרינדעט געוואָרען. אַ סך פון זיי זיינען געווען געשטיצט פון דער רעגיערונג און איינינע פון זיי האָבען עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט.

אין דענמאַרק זיינען די ערשטע קאָנסום פאַראיינען געגרינ־דעט געוואָרען אין די דערפער צווישען די קליינע פאַרמערס און פעלד־אַרבייטער. דער ערשטער קאָאָפּעראַטיוו אין דענעמאַרק איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1867. כמעט די גאַנצע דענישע דאָרף באַפעלקערונג באַלאַנגט איצט צו די קאָאָפּעראַטיווען. און צו פאַר־דאַנקען די אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיווען זיינען די פאַרמערס געוואָרען די גרעסטע מאַכט אין לאַנד. דענעמאַרק צעהלט איצט אויך נאָהענט צו צוויי טויזענד קאָנסום־פאַראיינען, אָבער די שטאַרקסטע מאַכט זיינען די אַגריקולטור קאָאָפּעראַציעס.

אין דייטשלאַנד האָבען זיך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען קאָאָפּע־ראַטיווען כמעט אין דער זעלבער צייט וואָס די ראָטשדייל'ער קראָם איז געגרינדעט געוואָרען. זיי האָבען אָבער פאַר אַ לאַנגע צייט ניט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן ארבייטער באַוועגונג. אין 1902



קאָאָפּעראַטיווע הייזער פון דער געזעלשאפט „פּראָדוקציאָן"
אין האַמבורג, דייטשלאַנד



אַ שפּיעל־פּלאַץ פאַר קינדער פון די קאָאָפּעראַטיווע הייזער
אין האַמבורג, דייטשלאַנד

איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג אין דער דייטשער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און די ארבייטער, באַפרייענדיג זיך פון די קליין בירגערליכע עלעמענטען, האָבען געקראָגען א פרייע האַנד צו אויפבויען א שטאַרקע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. די גרעסטע קאָ־אָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען געפינען זיך אין די גרויסע אינדוס־טריעלע צענטערען, ווי ברעסלוי, לייפּציג, האַמבורג, בערלין און דרעזדען. אין דעם יאָהר פאַר דער מלחמה, 1914, האָבען די קאָ־אָפּעראַטיווע פאַראיינען אין דייטשלאַנד געצעהלט איבער צוויי מיליאָן מיטגליעדער.

אויך אין איטאַליען איז פאָרגעקומען דער זעלבער פּראָצעס וואָס אין אַנדערע לענדער, מיט דער ענטוויקלונג פון דער קאָאָפּע־ראַטיווער באַוועגונג. די ערשטע פאַראיינען וואָס האָבען זיך גע־גרינדעט נאָך דער סיסטעם פון ראָטשדייל האָבען שוין אין יאָהר 1886 זיך פאַראייניגט אין א יוניאָן באַשטעהענד פון 68 פאַראיינען. אין 1998 האָט שוין די צאָהל פון די פאַראיינען דערגרייכט 480 און אין 1910 האָט שוין זייער צאָהל דערגרייכט ביז 1922. איינער פון די ענערגישסטע ארבייטער פאַר קאָאָפּעראַציאָן אין איטאַליען איז דער געוועזענער אידישער פריים־מיניסטער לואידזשי לוצאַטי.

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין בעלגיום איז די אינגסטע אין אייראָפּאַ און האָט זיך נאָך ניט אויסגעשפּרייט אַזוי ווייט איבער'ן לאַנד ווי אין אַנדערע לענדער. די בעלגישע באַוועגונג אָבער צייכ־נענט זיך אויס דערמיט איבער אנדערע לענדער וואָס זי טראָגט א מעהר סאָציאַליסטישען כאַראַקטער. זי דיענט ניט בלויז די אינ־טערעסען פון די שער־האָלדערס, נאָר אויך פון דער ארבייטער באַוועגונג בכלל. ווען א סטרייק טרעט אריין אין א קריטישער פּער־יאָדע קומען די קאָאָפּעראַטיוועז צו הילף מיט שפּייז און די סטריי־קערס האָבען א מעגליכקייט אויסצוהאַלטען ביז'ן סוף.

אין דער שטאָדט גהענט, בעלגיום, האָבען די קאָאָפּעראַטיוועז א פאָלקס־הויז וואָס איז באַריהמט איבער דער גאַנצער וועלט פאַר די ארבייטער אונטערנעהמונגען וואָס ווערען דאָרטען דורכגעפיהרט. דער סאָציאַליסטישער פיהרער וואַנדערוועלדע און אַנדערע סאָציאַ־

ליסטען נעהמען א טיכטיגען אנטהייל אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. די בעלגישע בעקערייען רעכנען זיך פאַר די מאָדעל בעקערייען פון דער וועלט. די בעקעריי פון גהענט, באַקט הונדערט טויזענד ברויט א וואָך. די בעלגישע קאָאָפּעראַטיוועז גיבען זיך אויך אָפּ מיט אראַנזשירען רייזעס פאַר קינדער איבער'ן לאַנד און אין אויסלאַנד.

### 3. אין אַנדערע לענדער.

אין רוסלאַנד האָבען נאָך די ערשטע רוסישע סאָציאַליסטען גע־פּרעדיגט ראָבערט אָוען'ס אידעען פון קאָאָפּעראַציאָן, און איינ־צעלנע קאָאָפּעראַטיוועז האָבען זיך געגרינדעט אין די 60־ער יאָה־רען. די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד איז אָבער ניט געווען גינסטיג



א קאָאָפּעראַטיווע דיסטריבוציאָנס סטאַנציע אין רוסלאַנד

פאַר אידעאַלע באַוועגונגען. די רעגיערונג האָט טהיילווייז פאַר־פּאָלגט און טהיילווייז געשטערט די קאָאָפּעראַטיוועז און ביז דעם יאָהר 1905 איז אין רוסלאַנד ניט געווען קיין באַדייטענדע באַ־וועגונג.

אין משך פון צעהן יאָהר זיינען די קאָאָפּעראַטיוועז אויסגע־

וואקסען צו אַן אונגעהוירער מאַכט. פון 1,434 קאָאָפּעראַטיוון אין 1905 איז אין 1916 געוואָרען 15,454, מיט א מיטגליעדערשאַפט פון איבער צעהן מיליאָן.

די מאָסקווער נאַראָדני באַנק איז א קאָאָפּעראַטיווע באַנק און האָט געהאַט א גרויסען חלק אין דעם ערפאָלג פון די רוסישע קאָ־אָפּעראַטיוון. די באַנק איז געגרינדעט געוואָרען אין 1912, און 4



א קאָאָפּעראַטיווע שוך־פאַבריק אין סאַראַיסק, רוסלאַנד

יאָהר שפּעטער האָט זי שוין געטהאָן געשעפטען אויף איבער א פּערטיל ביליאָן רובעל.

אין דער צייט פון דער מלחמה ווען דאָס עקאָנאָמישע לעבען אין רוסלאַנד איז שרעקליך דיזאָרגאַניזירט געוואָרען און די מאַסען האָבען אָנגעהויבען פּיהלען א דחקות אין לעבענס־מיטלען זיינען די קאָאָפּעראַטיוון געוועזען די איינציגע וואָס האָבען געקענט פאַרזאָר־גען זייערע מיטגליעדער מיט די נויטווענדיגסטע לעבענס־מיטלען. עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט וואָס די מאַסען, פּויערים און ארבייטער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין די קאָאָפּעראַטיוון אין די מיליאָנען. אפילו די רוסישע רעגיערונג האָט זיך פאַרלאָזט אויף די קאָאָפּעראַטיוון צו שפּייזען די ארמעע אין צייט פון דער מלחמה.



הויפּט אָפיס פון די רוסישע קאָאָפּעראַטיווען אין מאָסקווע

ווען די באָלשעוויקעס האָבען איבערגענומען די רעגיערונג און אָפּגעשאַפט פּריוואַטען האַנדעל זיינען די קאָאָפּעראַטיווען געבליבען פונקציאָנירען. אין א סך ערטער זיינען די קאָאָפּעראַטיווען געווען די איינציגע וואָס האָבען פארטהיילט שפּייז צווישען דער באַפעל־קערונג, און די רעגיערונג האָט 65 פּראָצענט פון דעם גאַנצען שפּייז זאַפּאַס פארטהיילט דורך די קאָאָפּעראַטיווען. אין 1919 זיינען די קאָאָפּעראַטיווען, דורך א דעקרעט פון דער רעגיערונג, געשטעלט געוואָרען אונטער דעם רשות פון דער סאָוויעטען רעגירונג.

א נעץ פון קאָאָפּעראַטיווען איז פארשפּרייט אויך אין פינ־לאַנד, נאָרוועגיען און שוועדען. עס איז איצט כמעט ניט פאַראַן קיין איין לאַנד אין אייראָפּא וואו די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט ניט געשלאָגען קיין טיעפע וואָרצלען.

אויך אין יאַפּאַן איז פאַראַן א באַדייטענדע באַוועגונג פאר קאָ־אָפּעראַציאָן. אין אויסטראַליע און אין סויט אפריקא געפינען זיך שוין אויך א היבשע צאָהל פון קאָאָפּעראַטיווען.

4. אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקא ווערט די קאָ־אָפּעראַטיווע באַוועגונג, אלס מאַסען באַוועגונג, ערשט ווידער־געבוירען, אָדער, לכל הפּחות, קען מען זאָגען אז זי איז נאָך אין די ווינדעלאַך. אָהן א צאָהל מיינונגען זיינען שוין ארויסגעזאָגט געוואָ־רען ווארום די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט פארשפּעטיגט אין אמעריקא לייננער ווי אומעטום. די הויפּט אורזאַכע איז, מעגליך, געווען דאָס וואָס סיי די היגע געבאָרענע און סיי די איינגעוואַנדער־טע האָבען קיינמאָל ניט אויפגעגעבען דעם געדאַנק פון ארויפארביי־טען זיך. דער הויפּט מאָטיוו אין די אייראָפּעאישע לענדער פאר קאָאָפּעראַטיווען איז געווען וואָס די ארבייטער מאַסען האָבען ניט געזעהן קיין אנדער וועג ווי צו פאַרבעסערען זייער לאַגע, בעת אין אמעריקא האָט די לעגענדע פון „דאָס לאַנד פון געלעגענהייטען" באַצויבערט די מאַסען. וואָס פאר א ווערטה האָט געהאַט א באַ־וועגונג פון שפּאָרען א פּאָר סענט לגבי די גרויסע האָפנונג פון ווע־רען רייך און אונאָבהענגיג? דערצו נאָך האָבען די מאַסען ניט גע־

פּיהלט אזא דוחק אין לעבענס־מיטלען ווי אין אנדערע לענדער. א דאנק די שטאַרק פאַרצווייגטע טראַנספּאָרטאַציאָנס מעגליכקייטען האָט דעם אמעריקאַנער ארבייטער זעלטען ווען עפּעס אויסגעפּעהלט, אז עס זאָל איהם צווינגען זיך צו פאַרטראַכטען וועגען מיטלען כדי זיך צו פאַרשאַפען די נויטיגע אַרטיקלען. אלץ וואָס ער האָט געהאט צו זאָרגען איז געווען אז ער זאָל האָבען שטענדיג ארבייט. אזוי לאנג ווי ער האָט געאַרבייט און פאַרדיענט האָט איהם קיין זאַך ניט אויסגעפּעהלט.

דערפון איז נאָך אָבער ניט געדרונגען אז דער אמעריקאַנער באָדען ווייסט נאָך ניט פון דער זריעה פון קאָאָפּעראַציאָן. די פאַר־איינינגטע שטאַאַטען זיינען געווען דער גאָרטען וואו די שעהנסטע אוטאָפּיסטיש־קאָמוניסטישע בלומען האָבען געבליהט.

די ערשטע קאָמונעס אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען ווערען באַ־צייכענט אלס רעליגיעזע קאָמונעס. זיי זיינען געגרינדעט געוואָרען פון פאַרשיעדענע סעקטען גאָט־זוכער וואָס האָבען אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד, ווייל זיי זיינען פאַר־פאָלגט געוואָרען פאַר זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אָנקומענ־דיג אין אמעריקא האָבען זיי געגרינדעט קאָלאָניעס אויף א קאָמו־ניסטישען אופן, וואו זיי האָבען געלעבט בחברותא און פריי פּראַק־טיצירט זייער אמונה און זייערע מנהגים.

אזעלכע קאָלאָניעס זיינען געווען די „שייקער געזעלשאַפטען".

די ערשטע „שייקער" קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרען אין ניו־יאָרק סטייט אין יאָהר 1776, פון אן ענגלענדערין וואָס האָט זיך גערופען „מוטער ענן ליע", און איז געווען א פיהרערין פון א רעליגיעזע סעקטע.

די „רעפּיסט געזעלשאַפט" איז געגרינדעט געוואָרען אין פּענ־סילווייניא סטייט, אין יאָהר 1804, פון דעם דייטשען אנפיהרער פון א רעליגיעזער סעקטע דזשאָרדזש רעפּ, וואָס איז געקומען קיין אמעריקא מיט 600 אָנהענגער, ווען די דייטשע רעגיערונג האָט ניט טאָלערירט.

די זאָאַר קהילה, די אמאַנא קהילה און די בעטהעל און אראָרא קהילות זיינען אויך געגרינדעט געוואָרען פון דייטשע סעקטאַנטען—

די ערשטע אין אָהייאָ סטייט, די צווייטע אין אייאָווא סטייט און די לעצטע אין מיזורי סטייט. זיי האָבען געפיהרט א קאָמוניסטישען לעבען און אָפּגעהיט זייערע רעליגיעזע פּרינציפּען. דער יסוד פון זייערע קאָמונעס איז געווען דער רעליגיעזער גלויבען און זיי האָבען עקזיסטירט אזוי לאַנג ווי די אמונה האָט זיי געהאַלטען פאראייניגט. די אמאַנא קהילה עקזיסטירט נאָך עד היום, און איז אין א בליהענדען צושטאנד. די קהילה באשטעהט איצטער פון זיבען באזונדערע דערפער, מיט א באפעלקערונג פון 1800 נפשות.

די אָנײדא קהילה וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1848 פון דעם אמעריקאנער דזשאָן האמפרי נאָיס, איז געווען נאָך א פּאר־זוך צו פאראייניגען רעליגיאָן מיט קאָמוניזם. דער גרינדער נאָיס איז געווען אינספּירירט פון א רעליגיעזער דאָקטרין און פון די פּור־יעריסטישע אידעען. עס האָט איהם געלונגען צו פאראינטערעסירען א היבשע צאָהל אמעריקאנער ארבייטער און אינטעליגענטען וואָס זיינען צוגעשטאנען צו איהם.

א צווייטער פארזוך צו גרינדען קאָמוניסטישע געזעלשאפטען אין אמעריקא ווערט באצייכענט אלס די אָוען׳יסטישע פּעריאָדע. דיעזע קאָלאָניעס זיינען שוין געגרינדעט געוואָרען פון ריין אידעאַליסטי־שע מאָטיוועז און האָבען שוין מיט קיין רעליגיעזעס ניט געהאט צו טהאָן, חוץ, אפשר, וואָס זיי האָבען געלערענט מענשען זיך צו באַ־פרייען פון רעליגיעזע אבערגלויבענס.

דער ערשטער עקספּערימענט איז געמאכט געוואָרען מיט דער קאָלאָניע „ניו הארמאָניע״ אין דעם שטאאט אינדיאנא וואָס ראָ־בערט אָוען האָט אָפּגעקויפט פון די ראפּיסטען אין דעם יאָהר 1825. די געשיכטע פון דיעזער קאָלאָניע איז באשריבען אין א פריהערדי־גען קאפּיטעל.

ראָבערט אָוען האָט, אנקומענדיג אין אמעריקא, געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער אינטעליגענץ און זיינע אידעען האָבען געפונען א פרוכטבארען באָדען. ער האָט געהאַלטען פּאָרטראַ־גע ווענען זיינע פּלענער און באצויבערט די צוהערער מיט זיינע שילדערונגען וועגען א קאָמוניסטיש לעבען. אין סינסינעטי אָרגאַ־ניזירט זיך א געזעלשאפט פאר דעם צוועק צו גרינדען א קאָמונע.

זיי קויפען א שטיק לאַנד אין עללאָו ספּרינגס, 75 מייל פון סינסי־נעטי, און פיהרען איין אן אידעאַליסטישע אָרדנונג. דיעזע קאָמונע איז צופאַלען געוואָרען אזוי גיך ווי דער ענטהוזיאַזם פון איהרע גרינדער איז אויסגעוועפּט געוואָרען.

איינע פון די וויכטיגסטע קאָלאָניעס געגרינדעט פון די אָוען׳־איסטען איז געווען די קאָלאָניע נאַשאבא, אין דעם שטאַאט טענע־סי, געגרינדעט דורך פרענסים רייט.

דער הויפּט צוועק אין גרינדען די נאשאבא קאָלאָניע איז געווען אויסצובילדען די נעגער־שקלאַפען און זיי דערהויבען צו א שטופע פון סאָציאַלע און עקאָנאָמישע גלייכהייט מיט די ווייסע.

אנדערע אָוען׳יסטישע עקספּערימענטען זיינען געווען די האַ־ווערסטראָו קאָמונע, די האקסעקי קאָלאָניע און נאָך איינינע אונטער־נעהמונגען פון קלענערער באדייטונג. די גרינדער זיינען געווען שטארקע מאמינים אין די אידעען פון ראָבערט אָוען און זיי האָבען מקריב געווען אלץ אום דורכצופיהרען די עקספּערימענטען, און הגם די אלע פארזוכען האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט דורכפאַלען האָט דאָס פונדעסטוועגען ניט ענטמוטהיגט די אמעריקאנער אידעאַ־ליסטען צו מאכען ווייטערע פארזוכען אויף דעם געביעט פון קאָמוניזם.

אין די פערציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהר הונדערט, ווען די אגיטאציאָן געגען נעגער־שקלאַפעריי איז געוואָרען זעהר ערענסט און די גאנצע נאָרטה אמעריקאנער אינטעליגענץ איז געווען פאר־כאַפּט פון דער פרייהייטס־באַוועגונג זיינען די אידעען פון דעם פראנצויזישען אוטאָפּיסט שאַרל פוריע, שטארק פארשפּרייט געוואָ־רען אויך אין די פאראייניגטע שטאאַטען. די פוריעריסטישע באַווע־גונג האָט צוגעצויגען די בעסטע אינטעליגענטע כחות און עס האָבען זיך אָרגאניזירט געזעלשאַפטען צו גרינדען „פאַלענקסעס״, ווי די פוריעריסטישע קאָלאָניעס האָבען זיך גערופען.

דער שעהנסטער קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון די פוריערים־טישע עקספּערימענטען אין די פאראייניגטע שטאאַטען איז די ברוק פארם קאָמונע. דאָס איז געווען א פארם אין וועסט ראקסבורי,

מאססאטשוזעטס, ניין מייל פון באסטאן. די פיהרער פון דער פילאזאפישער און הומאניסטישער באוועגונג וואס האט עקזיסטירט אין ניו ענגלאנד צו יענער צייט, זיינען געווען די גרינדער פון דער דאזיגער קאמונע. נאטהאניעל האוטהארן, ראלף וואלדא עמערסאן, הענרי ד. טהארא, וויליאם עללערי טשענינג, מארגארעט פוללער, עליזאבעטה פ. פיבאדי, און צעהנדליגע אנדערע דיכטער און שריפטשטעלער וואס האבען זיך גרופירט ארום דעם גייסטיגען צענטער דער „טרענסענדענטעל קלוב", פון באסטאן.

די קאלאניע האט זיך גערופען „דער ברוק פארם אינסטיטוט פאר ערד ארבייט און בילדונג". איינע פון די הויפט ציעלען איז געווען „איינצוריכטען א סיסטעם פון ברידערליכע קאאפעראציאן אויף דעם ארט פון דער איצטיגער סיסטעם פון זעלבסטזיכטיגער קאנקורענץ".

די שולע איז געווען די כאראקטעריסטישע זאך אין דער קאלאניע. די לעהרער זיינען געווען פעהיגע און איבערגעבענע. די שולע האט געזארגט פאר דער פיזישער אזוי ווי פאר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די שילער.

אין דעם יאהר 1844, האט ברוק פארם זיך אפיציעל ערקלעהרט אלס א פוריערסטישע קאמונע און זיך א נאמען געגעבען „ברוק פארם פאלענקס". הארעס גרילי, אלבערט בריסביין, פארק גודווין און אנדערע פיהרער פון דער פוריעריסטישער באוועגונג פלעגען אפט באזוכען די פארם.

ברוק פארם איז געווארען בארימט איבער'ן גאנצען לאנד. טויזענדער באזוכער פלעגען יעדעס יאהר קומען בעאבאכטען די קאלאניע פון אמעריקאס שעהנסטע קינדער, דיכטער און פילאזאפען. די פארם איז געווען פול מיט לעבען און פרייד, און א סך מענשען האבען געזוכט צו ווערען מיטגליעדער פון דער קאמונע.

אין 1846 איז „דער פאלאץ", די גרויסע געביידע אויף וועלכע מ'האט געארבייט צוויי יאהר צייט, אפגעברענט געווארען. די קאלאניסטען האבען מיט צובראכענע הערצער הילפלאז און צושראקען געקוקט ווי די פלאמען האבען פארצעהרט די געביידע, אין וועלכער זיי האבען אזוי פיעל ארבייט און האפנונג אריינגעלעגט, און אין א

קורצער צייט נאָכדעם איז געקומען דער סוף צו דיזער אידעאַליס־טישער אונטערנעהמונג.

דער „נאָרטה אמעריקאן" פאַלענקס, געגרינדעט אין יאָהר 1843 אין ניו דזשוירזי סטייט, האָט עקזיסטירט איבער צוועלף יאָהר. דער „וויסקאָנסין פאַלענקס" האָט עקזיסטירט ניט מעהר ווי זעקס יאָהר, און א צאָהל פון פאַלענקסעס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין די סטייטס: פּענסילווייניא, ניו־יאָרק, אָהייאָ, מישיגען, אייאָווא און אילינאָיז.

אן ערך פון 41 פאַלענקסעס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַאטען און די באַוועגונג האָט געהאט א גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון קאָמוניסטישע אידעען אי־בער'ן לאַנד.

די „איקאַריאַנישע קאָמונעס" וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פון דעם פראַנצויזישען אוטאָפּיסט עטיען קאבע, אין יאָהר 1848, אין די שטאַאטען טעקסעס, אילינאָיז און אייאָווא, האָבען אָנגע־האַלטען כמעט א האַלבען יאָהר־הונדערט. די איקאַריאַנישע באַווע־גונג איז געבוירען געוואָרען מיט פיעל באַגייסטערונג און האָט זיך אונטערנומען איבערצובויען דעם סאָציאַלען און עקאָנאָמישען סיסטעם פון דער וועלט דורךביישפּיעלע פון קאָמוניסטישע קאָ־לאָניעס. זיי האָבען אבער באַגעגענט אויף זייער וועג א סך שוועריגקייטען און ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס זיי האָבען ארויסגעוויזען אזוי פיעל ווידערשטאַנד און געבראַכט אזוי פיעל קרבנות האָ־בען זיי דאָך ניט געקענט פאַרזיכערען די עקזיסטענץ אפילו פון קיין איין קאָמונע.

מאָריס הילקוויט, אין זיין „געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַאטען", זאָגט, וועגען די דורכפאַלען פון די אוטאָפּיסטישע עקספּערימענטען פאָלגענדעס:

„די מאָדערנע סאָציאַליסטען האָבען שוין לאַנג אויפגעגעבען דעם געדאַנק, אז מען קען דעם איצטיגען קאַפּיטאַליסטישען סיס־טעם פאַרלאָזען מיט קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. זיי פאַרשטעהען, אז די געזעלשאַפט איז ניט צונויפגעשטעלט פון א צאָהל אונאָפּ־העגגיגע גרופּען, נאָר אז זי איז איין איינהייטליכער קערפּער. זייער

האָפנונג און זייער מיה זיינען דארום קאָנצענטרירט אין דעם פּראָג־רעם פון דער גאַנצער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן".

קאָנסומערס קאָאָפּעראַטיווען האָבען זיך געגרינדעט אין די פאראייניגטע שטאַאטען כמעט אין דער זעלבער צייט וואָס די ראָטשדייל'ער פּיאָנערען האָבען געעפענט זייער קאָאָפּעראַטיווע קראָם.

אַלבערט סאָנניכסען, אין זיין בוך „קאָנסומערס קאָאָפּעראַצ־יאָן", שרייבט אז אין 1844 האָט א באָסטאָן'ער שניידער, דזשאָהן ג. קאָולבאַק, אָרגאַניזירט א קאָאָפּעראַטיווען קלוב אויף איינקויפען פּראָדוקטען, און אין א יאָהר שפּעטער איז פון דעם קלוב געוואָרען דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער פאראיין ארום וועלכען עס איז אויסגעוואַקסען א פעדעראַציע וואָס האָט זיך גערופען „וואָירקינג־מענס פּראָטעקטיוו יוניאָן". די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט זיך נאָכדעם גערופען „ניו ענגלאַנד פּראָטעקטיוו יוניאָן" און האָט אין עטליכע יאָהר שפּעטער שוין געצעהלט 403 אָפּטיילונגען. איין טהייל האָט זיך אָפּגעשפּאָלטען און זיך אָרגאַניזירט אלס די „אמעריקאַן פּראָטעקטיוו יוניאָן". אין 1857 האָבען עקזיסטירט איבער זיבען הונדערט קאָאָפּעראַטיווע קראָמען אין ניו ענגלאַנד און איניגע פון זיי אזוי ווייט ווי אילינאָיז און קאַנאַדא.

אין דער צייט פון דעם בירגער קריעג איז די גאַנצע באוועגונג צופאַלען געוואָרען. די מעהרסטע ארבייטער זיינען אוועק אין דער ארמעע און עס איז ניט געבליבען ווער עס זאָל אויפהאַלטען די באוועגונג.

מיט א צייט שפּעטער, ווען די „נייטס אָוו לייבאָר" האָבען אָר־גאַניזירט די אמעריקאַנער ארבייטער האָבען זיי אויך אויפגעלעבט די קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג. א גרויסע צאָהל קראָמען זיינען גע־גרינדעט און געשטיצט געוואָרען פון די „נייטס אָף לייבאָר". די קראָמען האָבען עקזיסטירט אזוי לאַנג ווי די דאָזיגע מערקווירדיגע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָן האָט געשפּיעלט א ראָליע אין דער אמע־ריקאַנער ארבייטער באוועגונג.

פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר איז אנגעגאַנגען אין אמעריקא א לאַנגזאַמע ענטוויקלונג פון קאָנסום קאָאָפּעראַטיווען געגרינדעט

פון ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אין אַלע טהיילען פון לאַנד. אין יאָהר 1917 האָט די אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר אויף איהר קאָנ־ווענשאָן אינדאָרסירט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. די קאָאָפּעראַ־טיווען זיינען אָפּט א גרויסע שטיצע אין ארבייטער קאַמפּפען און די ארביימער יוניאָנס, באַזונדערס אין די מערב שטאַאַטען, האָבען אָנגעהויבען אָפּגעבען דער באַוועגונג מעהרער אויפמערקזאַמקייט.

פאַר א זיכערע עקזיסטענץ און אַן ערפאָלגרייכע ענטוויקלונג איז אָבער אונבאַדינגט נויטיג א פאַראייניגטע טעטיגקייט פון אַלע קאָאָפּעראַטיווען איבער'ן גאַנצען לאַנד. פאַר דיעזען צוועק האָט זיך מיט 4 יאָהר צוריק אָרגאַניזירט די קאָאָפּעראַטיווע ליעג פון אמע־ריקא. די ליעג גיט זיך אָפּ מיט פּראָפּאַגאַנדא פאַר דעם קאָאָפּעראַ־טיווען געדאַנק און גיט ארויס א מאָנאַטליכען זשורנאַל אין ענגליש. דער אָפיס פון דער ליעג געפינט זיך אין ניו־יאָרק. זי צעהלט איצ־טער 5,000 מיטגליעדער, אָרגאַניזאַציעס און יחידים.

אין 1918 איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ספּרינגפיעלד, אילי־נאָיז, די ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון די אמעריקאַנער קאָ־אָפּעראַטיווען. די נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט (נעשיאָ־נעל קאָאָפּעראַטיוו אַססאָסיאיישאָן) איז אָרגאַניזירט געוואָרען. דער אָפיס פון דער געזעלשאַפט איז אין שיקאַגאָ. עס איז איהר שוין געלונגען צו פאַראייניגען די האָלסייל־קאָאָפּעראַטיווען פון קאַלי־פאָרניא, סיאַטעל, סט. פּאָול און ספּרינגפיעלד, און דער פונדאַ־מענט פאַר א נאַציאָנאַלען האָלסייל קאָאָפּעראַטיוו איז געלעגט געוואָרען.

קאָאָפּעראַטיווע האָלסייל סטאָרס געפינען זיך אויך אין מאַנע־סען און פּיטסבורג, פּענסילווייניא סטייט, אין באָסטאָן פאַר ניו ענגלאַנד, און אין ניו־יאָרק. מיט דער פאַראייניגונג פון אַלע קאָ־אָפּעראַטיווען אין איין פאַרבאַנד ווערט דער ערפאָלג פון די קאָ־אָפּעראַטיווען אין אמעריקא געזיכערט.

# קאַפּיטעל ה

## 1. דער אָנפאַנג פון קאָאָפּעראַציאָן ביי אידען.

די געשיכטע פון קאָאָפּעראַציאָן ביי די אידישע מאַסען פאַנגט זיך אָן מיט דער ערשיינונג פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע קרייז־לאַך אין רוסלאַנד.

די ערשטע ארבייטער רעוואָלוציאָנערען האָבען געשטרעבט צו פיהרען אן אידעאַלען לעבען, און צו האָבען מעהר פרייע צייט פאר רעוואָלוציאָנערע אגיטאַציע און פאר זייער אייגענער זעלבסט־ביל־דונג; און אזוי ווי ארבייטענדיג פאר א בעל הבית האָבען זיי דאָס ניט געקענט אויספיהרען, האָבען זיי געגרינדעט פּראָדוקציאָנס־קאָ־אָפּעראַטיווען, על פּי רוב, שניידער, שוסטער אָדער איינבינדער־ווארקשטאַטען. די דאָזיגע ערשטע קאָאָפּעראַטיווע פּראָבעס האָבען אָבער ניט געקענט דערגרייכען די ברייטע מאַסען מחמת דעם שטרענג קאָנספּיראַטיווען לעבען וואָס די ארבייטער אין די קאָאָפּע־ראַטיווען האָבען געפיהרט.

צוזאַמען מיט די פאַרשווינדונג פון די רעוואָלוציאָנערע קרייז־לעך זיינען אויך פארשוואונדען יענע ערשטע שוואַלבען־קאָאָפּעראַצ־יעס. ווי נאָר דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף איז געוואָרען א מאַסען־באַוועגונג—דערצעהלט אונז דער אידישער שרייבער א. ליטווין—ווערט די באַציהונג פון די אידישע סאָציאַליסטישע קרייזען צו אי־דישער קאָאָפּעראַציע א נעגאַטיווע. די רעוואָלוציאָנער־אידישע אינטעליגענטען זיינען געווען געגען קאָאָפּעראַציע, ווייל זיי האָבען געזעהן אין איהר די ענטוויקלונג פון א קליינבירגערליכע פאָרם פון פּראָדוקציאָן און האנדעל און במילא א פארטונקלונג פון דעם אר־בייטער'ס קלאַסען־באַוואוסטזיין. אין דער זעלבער צייט ווערט ביי די גוים די קאָאָפּעראַטיווע אידעע צוזוואַקסען אין א מעכטיגער באַ־וועגונג אין וועלכער עס נעהמען אן אנטהייל דוקא די אָרגאַניזירטע ארבייטער. זי ווערט א גרויסע שטיצע אין דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען קאַמפּף פון דעם ארבייטער קלאַס און דער בעסטער מיטעל צו זיין זעלבסט־ערציהונג און ענטוויקלונג.

דער צווייטער פאַרזוך פון קאָאָפּעראַציאָן ביי אידען איז שוין געווען אויף אַ ברייטערען מאַסשטאַב און האָט שוין אָנגענומען די פאָרם פון אַ פאָלקס־באַוועגונג. דאָס איז געווען די גרויסע נעץ פון פאָלקס־באַנקען (קרעדיט־יוניאָנס) וואָס איז געווען פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצען אידישען תחום המושב. די דאָזיגע קרעדיט־אַנשטאַלטען זיינען געגרינדעט געוואָרען דורך דער פילאַנטראָפּישער טעטיגקייט פון דער יק״א (אידישע קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט וואָס פאַרוואַלטעט מיט דעם פאָנד פון באַראָן הירש). ערב דער מלחמה האָבען שוין עקזיסטירט פינף הונדערט לייה־און־שפּאָר־קאַסען געבויט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

דער צוועק פון די דאָזיגע „בענקלאַך״, ווי מ׳פלעגט זיי רופען, איז געווען צו מאַכען לייכטער דעם קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ פון דעם קליינעם קרעמער און בעל מלאכה, דורך שאַפען פאַר איהם אַ קרעדיט אָהן וועלכען ס׳איז אונמעגליך צו פיהרען אַ מסחר אָדער אָנהאַלטען אַ ווערקשטאַט.

אויב די קרעדיט יוניאָנס זיינען ניט געווען ביכולת צו איבער־בויען דעם באָדענלאָזען אידישען לעבען האָבען זיי אָבער אויפ־געטהאָן אַ גרויסע זאַך דערמיט וואָס זיי האָבען פאַרטריבען פון דער אידישער גאַס דעם פּראָצענטניק, דעם וואָכערניק, וואָס פלעגט אויסזויגען דאָס בלוט פון דעם קרעמער אָדער בעל מלאכה וואָס האָט געמוזט אָנקומען צו איהם נאָך אַן הלואה.

עס איז שוין אויך געמאַכט געוואָרען אַ פאַרזוך דורך דיעזע קרעדיט־יוניאָנס צו גרינדען פּראָדוקטיווע און קאָנסום־קאָאָפּעראַ־טיווען. אין האָמעל—דערצעהלט אונז מר. א. ליטווין—איז דורך דער איניציאַטיווע פון דער פאָלקס־באַנק געגרינדעט געוואָרען אַ שוך־פאַבריק וואו די היימישע שוסטער האָבען אויסגעאַרבייט שיך אויף אַ קאָאָפּעראַטיווען אופן, און אַ קאָאָפּעראַטיווע שוך־קראָם, וואָס האָט פאַרקויפט די שיך פון דער קאָאָפּעראַטיווער פאַבריק.

עס האָט געזאָלט צוזאַמענגערופען ווערען אַ קאָנגרעס פון אַלע עקזיסטירענדע קרעדיט־יוניאָנס און אַ פּלאַן פון אַ צענטראַלע פאָלקס־באַנק דורכגעפיהרט ווערען. מיט דער הילף פון אַזאַ פאָלקס־באַנק וואָלט ווירקליך מעגליך געווען צו איינפיהרען אין אידישען

לעבען נייע לעבענס־צווייגען. אָבער די רוסישע רעגירונג האָט ניט געגעבען קיין ערלויבניש פאַר דעם געפּלאַנטען קאָנגרעס און אין גיכען איז געקומען די וועלט מלחמה און רואינירט די אלע „בענק־לאַך" צוזאַמען מיט דעם גאַנצען אידישען לעבען.

אין דער צייט פון דער מלחמה, בעת ליטע און פּוילען זיינען געשטאַנען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, גרינדעט זיך א גרויסע צאָל קאָנסום־פאַראיינען וואָס מאַכט מעגליך פאַר די אידישע מאַסען צו קריגען שפּייז און באהייצונג און זיך ראַטעווען פון א הונגער טויט.

2. אידישע קאָאָפּעראַציאָן אין אַמעריקא.

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער מאַסען אין אמעריקא האָט זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען נאָך די אכטציגער יאָהרען פון דעם לעצטען יאָהר־הונדערט. אין 1886 האָבען די קאַפּען־מאַכערס אין ניו־יאָרק געגרינדעט א קאָאָפּעראַטיווען שאָפּ, וועלכער האָט עקזיסטירט עטליכע חדשים. אין פילאַדעלפיא האָט זיך געגרינדעט א קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט און אין מאַי פון 1901 האָט זי געעפענט א שוך־געשעפט. די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט האָט אין 1902 געעפענט אנדערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען—א בעקעריי און א העט־געשעפט.

אין אויגוסט פון 1902 האָט שוין די געזעלשאַפט געקויפט א הויז פאַר 11,650 דאָלאַר.

אין ניו־יאָרק האָט זיך אין 1901 געגרינדעט א קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט („ניו־יאָרק אינדוסטריעל קאָאָפּערייטיוו סאָסייעטי"), און מיט א יאָהר שפּעטער האָט זי געעפענט א העט־געשעפט. מיט דער צייט האָט די געזעלשאַפט אין זעלבען געשעפט איינגעפיהרט פריהער א שוך־דעפּאַרטמענט און נאכהער אויך אן אפּטהיילונג פון „דזשענטס־פאָרנישינגס".

אויך אין אנדערע שטעדט האָבען זיך געגרינדעט קאָאָפּעראַטיווען און די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט ביסלעכווייז פאַרנומען א געוויסען פּלאַץ אין דער אידישער ארבייטער באַוועגונג. דער „פאָרווערטס" האָט געהאַט איינגעפיהרט א ספּעציעלע אפּטהיי־

לונג, „די קאָאָפּעראַטיווע וועלט״, וואָס פלעגט ערשיינען יעדען פרייטאָג, געפיהרט פון ש. פּעסקין.

דעם 23־טען נאָוועמבער, 1902, זיינען זיך אין ניו־יאָרק צוזאַ־מענגעקומען אויף א קאָנפערענץ פארטרעטער פון די קאָאָפּעראַטי־ווען פון ניו־יאָרק, פילאדעלפיא, באָסטאָן און נוארק. צווישען אַנ־דערעם האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסען צו גרינדען א פארבאַנד אונטער'ן נאָמען „די קאָאָפּעראַטיווע ליגע״; אָנצושטעלען אָן אָרגאַ־נייזער און ארויסצוגעבען א מאָנאטליכען זשורנאַל.

די אידעע פון קאָאָפּעראַציאָן איז געוואָרען פּאָפּולער ביי די יו־ניאָנס. אין 1903 האָט די קלאָוק־מאכער יוניאָן געגרינדעט א קאָ־אָפּעראַטיווען שאָפּ פון דאמען־קליידער.

די „ניו־יאָרק קאָאָפּעראַטיוו סאָסייעטי״ האָט געהאַט ערפאָלג מיט איהרע ניו־יאָרקער אונטערנעהמונגען און זי האָט באַשלאָסען צו אויסברייטען איהר טהעטיגקייט אויך איבער אַנדערע טהיילען פון ניו־יאָרק. אין מארטש פון 1903 האָט זי געעפענט א גראָסערי סטאָר (שפּייז־קראָם) אין האַרלעם, און באַלד האָט זי דאָרטען גע־עפענט אויך א פליישׁ סטאָר.

אין באָסטאָן האָט זיך אַרום יענער צייט געגרינדעט א קאָאָפּע־ראַטיווע גראָסערי סטאָר; אין בעיאָן—א קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי. שפּעטער האָט זיך אויך געגרינדעט די פּעטערסאָן'ער קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי.

די באַגייסטערונג פאַר קאָאָפּעראַציאָן האָט אָבער אויף דער אי־דישער גאַס לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, און באַלד האָבען די קאָאָפּע־ראַטיווען גענומען אונטערגעהן.

ערשט צום סוף פון 1909 האָט זיך די באַוועגונג פאַר קאָאָפּע־ראַציאָן ווידער אָנגעפאַנגען. עס ווערען אונטערנומען אין ניו־יאָרק איינינע קאָאָפּעראַטיווע געשעפטען, ווי א העט־סטאָר און א פליישׁ־סטאָר, מיט מעהר אָדער ווענינער ערפאָלג.

די ערשטע אידישע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג וואָס האָט געהאַט מעהר מזל פון די איבעריגע און איז אויסגעוואַקסען צו א מוסטער־אונט[ע]רנעהמונג איז די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי אין פּעטער־סאָן, ניו ד[זשע]ווירזי.

די אידישע וועבער פון פּעטערסאָן וואָס האָבען אין 1905 גע־גרינדעט די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי האָבען, ווי אַלע פּיאָנערען, געהאט דורכצומאַכען גענוג שטערונגען, אָבער זייער קאמפּפס־לוס־טיגקייט און פעסטער גלויבען האָבען זיי געהאָלפען בייצוקומען אַלע שוועריגקייטען און בלייבען דער מוסטער פון א קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג.

אין ערך 12 טויזענד פּערזאָן עסען איצט דאָס ברויט פון דער פּעטערסאָן'ער בעקעריי. אין פּעטערסאָן איז איצט אויך פאראן א אידישע קאָאָפּעראַטיווע גראָסערי און א בוטשער סטאָר. דיעזע אונ־טערנעהמונגען זיינען געגרינדעט געוואָרען אינדירעקט פון דער קאָ־אָפּעראַטיווער בעקעריי, און ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז זיי שטעהען שוין אויף א געזונטען געשעפטליכען באָדען האָט די קאָ־אָפּעראַטיווע בעקעריי באַשלאָסען צו נעהמען זיי אונטער איהר שוץ.

אין 1918 איז געגרינדעט געוואָרען די אידישע קאָאָפּעראַטיווע פעדעראַציע. די פעדעראַציע האָט איהר אָפּיס אין ניו־יאָרק און גיט ארויס א מאָנאַטליכען זשורנאַל אין אידיש „די קאָאָפּעראַטיווע וועלט". די פעדעראַציע פּראָפּאַגאַנדירט דורך וואָרט און שריפט די אידעע פון קאָאָפּעראַציאָן צווישען אידען און גיט פּראַקטישע עצות ווי אזוי צו גרינדען קאָאָפּעראַציעס. איבער 25 אידישע קאָאָפּעראַ־טיווען זיינען שוין אנגעשלאָסען אין דער פעדעראַציע און זייער צאָהל האַלט אין וואַקסען. די אידישע קאָאָפּעראַטיווע פעדעראַציע איז א מיטגליעד פון דער „קאָאָפּעראַטיווער ליגע פון אמעריקא", וועלכע איז פעדערירט מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָאָפּעראַטיוו אַלייענס, אזוי, דאָס די פעדעראַציע איז א טהייל פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

אידישע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען געפינען זיך שוין אין עטליכע שטאַאַטען און אין קאַנאַדא. זיי באַשטעהען פון בע־קערייען, גראָסערים (שפּייז־קראָמען), פליישׁ סטאָרס און קרעדיט יוניאָנס. עס ווערט שוין געפּלאַנט צו גרינדען א אידישען קאָאָפּע־ראַטיווען האָלסייל וואָס זאָל באַזאָרגען די עקזיסטירענדע קאָאָפּע־ראַטיווען מיט פּראָדוקטען און העלפען די גרינדונג פון נייע קאָ־אָפּעראַטיווען, קאָנסום ווי פּראָדוקטיווע.

אז די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג ווערט ניט מעהר באַטראַכט אַלס א שטערונג צו דער סאָציאַלער איבערבויאונג פון דער געזעל־שאַפט זיינען איצט שוין אַלע מודה. זעהענדיג וואָס פאַר א ראָלע די קאָאָפּעראַטיווען האָבען געשפּיעלט אין די לענדער וואו די אַרביי־טער נעהמען איבער די פּאָליטישע או עקאָנאָמישע אַפּאַראַטען אין זייערע הענד מוזען אַלע אַנערקענען אז עס וואָלט געווען לעכערליך אַרויסצושיקען די אַרבייטער אַרמעען אין סאָציאַלען קאַמפּף און אין דער זעלבער צייט איבערלאָזען דעם פּראָוויאַנט אין די הענד פון דעם שונא. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט וואָס די סאָציאַליס־טען אין אַלע לענדער זיינען אזוי טעטיג אויף דעם געביט פון קאָ־אָפּעראַציאָן. עס איז אין די אינטערעסען פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג אז וואָס מעהר פּראָדוקציאָנס און קאָנסום מיטלען זאָלען זיך אָנקלייבען אין די הענד פון דעם אַרבייטער קלאַס.

אויב אָבער ביי אַנדערע פעלקער איז קאָאָפּעראַציאָן א מיטעל צום ציעל איז קאָאָפּעראַציאָן ביי אידען, אין איצטיגען מאָמענט, א פראַגע פון לעבען און טוידט.

מיליאָנען אידען, אין מזרח אייראָפּא, זיינע אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און זיינען געבליבען הענגען אין דער לופטען. אין רוסלאַנד וועט מעהר ניט מעגליך זיין פאַר אידען צו זיין א האַנדעלס פאָלק. זאָל אפילו זיין א מעגליכ־קייט פאַר די אידען אין רוסלאַנד זיך צו פאַרשפּרייטען איבער דער גרויסער מדינה און געפינען אַרבייט אין די שטעדט און אין די דערפער און בלייבען לעבען אַלס יחידים, מוזען זיי אָבער אַלס פאָלק פאַרשווינדען. דער געזונטער לעבענס אינסטינקט פון די אידישע מאַסען וועט זיי ניט דערלאָזען צו באַגעהן נאַציאָנאַלען זעלבסט־מאָרד. זיי וועלען דארום מוזען זוכען אַנדערע וועגען ווי צו בלייבען עקזיסטירען אַלס נאַציאָנאַלע גרופּע אונטער די נייע געשאַפענע אומ־שטענדען. די סאָוועטען רעגיערונג רעכענט זיך מיט דיעזען פאַקט און זוכט מיטלען ווי צו קאָלאָניזירען די אידישע מאַסען. די צו־קונפט פון די אידען אין רוסלאַנד, סיי אַלס ערד־אַרבייטער און סיי אַלס אינדוסטריעלע אַרבייטער וועט מוזען זיין א לעבען אויף יסודות פון קאָאָפּעראַציע.

פאר די אידישע מאסען אין פּוילען און גאַליציען האָט די אידי־שע עקאָנאָמישע פּראָבלעם אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען. דער קאמפּף וואָס ווערט געפיהרט געגען די אידישע מאסען איז א קאמפּף פון פארניכטונג. צו די קאָאָפּעראטיווע באוועגונג אין פּוילען ווערט אָנגעפיהרט פון אנטיסעמיטישע מאָטיוועז צי פון אידעאַלע מאָטי־ווען איז פאר דעם רואינירטען אידען קיין נפקא מינה ניט. פאר די אידישע מאסען בלייבט ענטוועדער אויסוואַנדערען אָדער זיך צופּאסען צו די נייע אומשטענדען. לויט דער איצטיגער מעגליכקייט פון וואַנדערונג איז ניט פאראַן קיין האָפנונג פאר די פּוילישע אידען דורך דיעזען וועג זיך צו רעטען פון דעם עקאָנאָמישען באָיקאָט און חורבן. זיי וועלען דעריבער מוזען אויף דעם וועג פון קאָאָפּעראַציאָן שאַפען לעבענס־באַדינגונגען וואָס זאָלען זיין נוצליך פאר זיי און פאר דעם לאַנד.

### 3. אין פּאַלעסטינא.

און דאַן קומט די גרויסע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון אויפבויען ארץ ישראל. די פראַגע צו מעג מען זיין פאר א אידיש לאַנד, אָדער צו עס קען זיין א אידיש לאַנד איז שוין מעהר קיין פראַגע ניט. די אידישע ארבייטערשאַפט וועט זיך מוזען רעכענען מיט דעם פאַקט אז פּאַלעסטינא איז באַשטימט געוואָרען פאר א אידישע היים־לאַנד, און אז הונדערטע טויזענדע אידישע פּראָלעטאַריער ווילען און מו־זען אויסוואַנדערען אין ארץ ישראל. די פראַגע בלייבט דעריבער, ווי זאָל פּאַלעסטינא אויפגעבויט ווערען. זאָל ארץ ישראל ווערען פאר די אידען א נאַציאָנאַלע היים אָדער א נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע? א נאַציאָנאַלע היים קען ווערען ארץ ישראל נאָר דאַן ווען דאָס לאַנד וועט געבויט ווערען אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, זאָל אָבער די קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינא פאָרקומען אויף פעאָדאַלע אָדער קאַפּיטאַליסטישע יסודות דאַן וועט ארץ ישראל זיין א נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל, און די פּועלי ציון פון דער גאַנצער וועלט, זעהען די געפאַהר פון א קאַפּי־טאַליסטישע פּאַלעסטינע און זיי קעמפּפען דעריבער פאר קאָאָפּע־ראַטיווער קאָלאָניזאַציע. זיי האָבען אין זייער קאמפּף די שטיצע

פון דער ענגלישער ארבייטער פּאַרטיי און פון די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט. זיי זיינען זיכער אַז זיי וועלען זייער קאַמפּף געווינען און די אידישע ארבייטערשאַפט וועט דאַרפען אויסהאַל־טע דעם עקזאַמען צו איז זי בכח, מאַטעריעל און מאָראַליש, אויפ־צובויען א לאַנד אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

א גענויען פּלאַן ווי צו קאָלאָניזירען ארץ ישראל אויף קאָאָפּעראַ־טיווע יסודות, האָט, מיט אייניגע יאָהר צוריק, אויסגעארבייט דער באַוואוסטער סאָציאַל־עקאָנאָם פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער. דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אויפגענומען דעם פּלאַן און באַשלאָ־סען צו גרינדען אין מרחביה אן ארבייטער־געגאָסענשאַפט, לויט דער שיטה פון פראַנץ אָפּענהיימער. דורך די חורבונות פון דער מלחמה איז דער פּראָגרעס פון דער קאָלאָניע איבערגעריסען געוואָרען און איצט וועט די קאָלאָניע צייטווייליג בעאַרבייט פון צוויי ארבייטער קבוצות, איינע פאַר לאַנדווירטשאַפט און די צווייטע פאַר פּלאַנ־צונגען.

איבער 40 קבוצות, לאַנדווירטשאַפטליכע געגאָסענשאַפטען, וואָס זיינען געבויט אויף די פּרינציפּען פון קאָאָפּעראַטיווער ארבייט און קאָמונע־לעבען געפינען זיך שוין איצט אין פּאַלעסטינא. זיי בע־ארבייטען א באָדען פון העכער 20,000 דונאַם לאַנד און באַשעפטי־גען ביי פרייער ארבייט, אָהן פקידים און אָהן משגיחים, ביז 600 אידישע ארבייטער און ארבייטערינס.

דער אָפּענהיימישער קאָאָפּעראַטיוו אין מרחביה: די קבוצות אין דגניה, כנרת, גן שמואל און קאַסטינע זיינען געווען די ערשטע גרע־סערע ארבייטער־קבוצות אין ארץ ישראל. דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט געגעבען דעם באָדען, דער פּאַלעסטינא־אַמט פּלעגט אויסלייהען די נויטיגע סומע פאַר זריעה און פאַר׳ן לעבעדיגען און טויטען אינווענ־טאַר און צאָהלען דעם ארבייטער דעם מינימום וואָס ער דאַרף האָבען צום לעבען. צום סוף יאָהר נאָך׳ן אָפּרעכענען פון די חובות אויב עס זאָל נאָך בלייבען ריווח, דאַרף ער צוטהיילט ווערען העלפט אויף העלפט, צווישען דער ארבייטערשאַפט און דעם אידישען נאַציאָ־נאַל־פאָנד.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען זיינען אין לאַנד געווען א

דוצענד קבוצות, און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט האָט זייער צאָהל דערגרייכט איבער דרייסיג.

די ערשטע קבוצות זיינען באַשטאַנען דאָס רוב פון בחורים אָדער פון מיידלעך. מיט דער חתונה פון א מיטגליעד זיינען געוואַק־




א קבוצה ערד־אַרבייטער אין ארץ ישראל

סען זיינע הצטרכות'ן, דער לוין אָבער, איז געבליבען דער זעלבער און עס איז אויסגעוואַקסען די פאַמיליע־פראַגע. קיין פריהער אויס־געאַרבייטע שטה איז ניט געווען און פון דער זייט האָט אויך קיי־נער קיין הילף און קיין עצה ניט געבראַכט. עס איז געבליבען פאַר די קבוצות און דער ארבייט גופא און אין די נויטען פון דעם נייען לעבען צו לעזען די פראַגע. אין גן־שמואל, למשל, באַקומט ביז היינט א פאַרהייראַטער נאָך דעם זעלבען געהאַלט וואָס א בחור און די פרוי ארבייט גלייך ווי פאַר דער חתונה און באַקומט איהר באַ־זונדער געהאַלט. אין בן־שמן איז דער קבוצה געלונגען איבערצו־נעהמען די גאַנצע ווירטשאַפט אויף איהר אחריות און די חברים

אליין האָבען באַשלאָסען אז א פארהייראטער באקומט מיט א פונט מעהר א חודש ווי א בחור און א פונט פאר יעדען קינד. דאָ איז אלזאָ אוועקגעלייגט געוואָרען דער יסוד פאר א נייעם און אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אונבאַקאַנטען פּרינציפּ; אז דער לוין ווערט




ווי מ׳אַקערט און מ׳זעעט אין דער קאָלאָניע בן־שמן, ארץ ישראל

באַשטימט ניט נאָך דער קוואַליטעט פון דער ארבייט, נאָר נאָך דער מדרגה פון די גערעכטע הצטרכות׳ן וואָס דער ארבייטער דארף האָ־בען צו לעבען.

צו א סך א ראדיקאַלערע לעזונג, וואָס עפענט נייע האָריזאָנטען, האָט זיך דערהויבען צוערשט דגניה און שפּעטער אין א ברייטערער פאָרם תל־עדש: די גאַנצע קבוצה ווערט באַטראַכט פאר איין משפּחה און די קינדער ווערען ערצויגען אויף׳ן חשבון פון דער גאַנצער קבוצה. דורך דער חתונה ווערען די הוצאות פון דעם חבר אָדער חברה פון דער קבוצה ניט פאַרגרעסערט, און די מוטער, א באַפריי־טע פון׳ם יאָך פון קינדער ערציהונג, קען נאָך דער חתונה פאָרט־

זעצען איהר ארבייט אין דער ווירטשאַפט ווי פריהער, אלס גלייכ־בארעכטיגטע גליעד פון דער ארבייטענדער קבוצה־משפחה. אין דעם גרעסטען הויז וואָס תל־עדש פאַרמאָגט, רעגיערט פון אין דער פריה ביז ביי נאַכט די פרייע ארבייטענדע קינדער רעפּובליק, אונטער דער אויפזיכט פון אַן ערציהערין און מוטער, אין וועמעס רשות זיי גע־פינען זיך די גאַנצע צייט, עסען, ארבייטען און לערנען.

דעם ערשטען אָנהויב פון קאָנסום־קאָאָפּעראציע האָט געמאַכט אין לאַנד די ארבייטערשאַפט. אין די יאָהרען פון דער מלחמה, ווען איבער׳ן לאַנד האָט זיך אָנגערוקט די סכנה פון הונגער, איז באַשאַפען געוואָרען דער „המשביר‟ וואָס האָט זיך לכתחלה באַ־נוגענט מיט באַזאָרגען ברויט פאר די ארבייטער. צו די ארבייטער זיינען דערנאָך צוגעשטאַנען לעהרער און בעאַמטע, וועמעס געהאַלט האָט אויך ניט געקענט נאָכיאָגען זיך נאָך די שטייגענדע פרייזען אויף ברויט. דורך דעם האָט מען ממש אָפּגעראטעוועט הונדערטע מענשען פון הונגער־טויט.

ביי היינטיגען טאָג פארנעהמט דער „המשביר‟ אַן אנגעזעהע־נעם אָרט. ער האָט א רייהע אפּטיילונגען אין שטעדט און קאָלאָ־ניעס, האָט א מאָנאטליכען אומזאַץ פון 4 טויזענד ענגלישע פונט און האָט אלע אויסזיכטען זיך צו ענטוויקלען. ער שטעהט איצט אין דירעקטער געשעפטס־פארבינדונגען מיט דער צענטראַלער פארקויפס געזעלשאַפט פון די ענגלישע קאָנסום־פאַראיינען (קאָאָפּעריטיוו האָל־סייל סאָסייעטי) פון וועלכע ער ווערט באַטראַכט אלס א גלייכבאַ־רעכטיגטער מיטגליעד.

מיט דער קאָלאָניזאַציאָן פון פאַלעסטינא ווערט קאָאָפּעראציע ביי אידען א נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. עס איז ניט מעהר א לאָקאַלע פראַגע פון צייטווייליגע פארבעסערונג פאר א געוויסע צאָהל אר־בייטער אין א געוויסען צווייג פון פּראָדוקציאָן אָדער פארברויך, עס ווערט א פראַגע פון בויען דאָס לעבען פון א פאָלק. עס איז ניט א פראַגע פון איבערבויען נאָר פון אויפבויען, פון סאַמע פונדאַמענט. און דער פונדאַמענט וועט מוזען זיין געבויט דורך קאָאָפּעראַציע אויב די געביידע זאָל קענען עקזיסטירען און האָבען א ממשות.



בילדינג פון אינדעפּענדענט ארבייטער רינג
84-88 לעווערעט סטריט, באָסטאָן, מאַסס.

## 4. די קאָאָפּעראַטיווע טעטיגקייט פון דעם אינדעפּענדענט ארבייטער רינג.

דער אינדעפּענדענט ארבייטער רינג האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין דער ערשטער אידישער אַרבייטער אָרדען וואָס פאַרנעהמט זיך מיט גרינדען קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען אויף א מאָדערנעם אופן.

שוין זייט עטליכע יאָהר ווי דער אינדעפּענדענט ארבייטער רינג האָט אַנערקענט אז זיין אויפגאַבע איז ניט בלויז צו פאַרזיכערען זיינע מיטגלידער מיט טויטען־און־קראַנקען־בענעפיט. ניט אַכטענדיג וואָס דער אינדעפּענדענט ארבייטער רינג איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון סאָציאַליזם האָט ער דאָך געהאַט דעם באַוואוסטזיין אז פאר דער געגענוואַרט איז ניט גענוג וואָס ער צאָהלט זיינע מיט־גליעדער בענעפיט אין צייט פון נויט—ווי וויכטיג און נויטיג דאָס זאָל ניט זיין. בילדונג, איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פונק־טען אין דער פּראָגראַם פון דעם אינדעפּענדענט ארבייטער רינג, אָבער ווי זאָגט דער תלמוד „אם אין קמח אין תורה". ווען א אי־דישער ארבייטער איז טאָג ווי נאַכט פאַרזאָרגט מיט דער פראַגע ווי אזוי העלפט מען זיך געגען דעם שטייגענדען יקרות, ווי אזוי באַוואָרענט מען זיך געגען דעם הונגער־וואָלף אין צייט פון „סלעק" און סטרייק, ווי אזוי מיידט מען אויס דאָס שטענדיגע העכערונג פון דירה־געלד—ווען א אידישער ארבייטער איז געמאַטערט פון די דאָזיגע פראַגען קען מען פון איהם קיין סך ניט ערוואַרטען אין דער הינזיכט פון בילדונג. דער אינדעפּענדענט ארבייטער רינג האָט אין פּרינציפּ אָנגענומען די אידעע פון קאָאָפּעראַציאָן און געוואַרט אויף דער ערשטער געלעגענהייט דורכצופיהרען דעם געדאַנק אין דער פּראַקטיק.

ווי נאָר די געלעגענהייט האָט זיך באַוויזען, ווי נאָר דער אינ־דעפּענדענט ארבייטער רינג האָט באַזייטיגט פיעלע שטערונגען אויף דעם אָרגאַניזאַציאָנס־פעלד, ווי נאָר ער האָט זיך דערפיהלט אלס א שטאַרקע דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציאָן איז ער צוגעטראָטען צו דער גרויסער ארבייט, פאַרזאָרגען זיינע מיטגליעדער מיט דער מעגליכ־

קיוט אויסצונוצען דעם קאָנסום פון זייערע נויטיגע לעבענס־מיטלען פאר זייער אייגענער טובה און אויפבויען פאר דער אידישער אר־בייטערשאַפט אן עקאָנאָמישע פעסטונג.

דער פּרינציפּ פון קאָאָפעראציע איז עקאָנאָמיע, און עקאָנאָמיע קען דערגרייכט ווערען בלויז דורך קאָנצענטראַציע פון כחות. פאר דיעזען צוועק האָט דער אינדעפּענדענט ארבייטער רינג געקויפט דעם גרויסען מויער אין האַרץ פון דער אידישער געגענד אין באָס־טאָן און דאָרטען קאָנצענטרירט אלע טעטיגקייטען פון דעם אָרדען און פון די קאָאָפעראַטיוון.

די גרויסע שפּייז־קראָם וואָס דער אָרדען האָט געעפענט אין דעם



די שפּייז קראָם פון'ם אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג 88 לעווערעט סטריט, באָסטאָן.

בילדינג איז איינע פון די שעהנסטע און גרעסטע אידישע גראָסערי און קרימערי סטאָרס אין באָסטאָן. די שפּייז־קראָם פארקויפט די בעסטע פּראָדוקטען פאר דעם מעגליכסט ביליגסטען פּרייז.

פאר דער קורצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דעם אינדעפּענ־

דענט ארבייטער רינג קאָנסומערס־קאָאָפּעראַטיוו איז איהם שוין אויך אויסגעקומען צו שפּיעלען א וויכטיגע ראָלע אין דעם קאַמפּף וואָס די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס האָט אָנגעפיהרט מיט די קליידער פאַבריקאַנטען פון באָסטאָן. דורך געוויסע ברייטערליכע און געשעפטליכע אראנדזשמענטס מיט דער אַמאַלגאַמייטעד זיינען די סטרייקערס פארזאָרגט געוואָרען מיט לעבענס־מיטלען אויף די מעגליכסט ביליגסטע פּרייזען און באַדינגונגען.

אין'ם זעלבען בילדינג האָט דער קאָנסומערס קאָאָפּעראַטיוו פון אינדעפּענדענט ארבייטער רינג, אויך געעפענט א דזשענעראַל



די דזשענעראל מערטשענדייז סטאָר פון'ם אינדעפּענדענט ארבייטער רינג אין 86 לעווערעט סטריט, באָסטאָן.

---

מערטשענדייז סטאָר פון פארשיעדענע סחורות ווי קליידער, שיך, וועש, העמדער און הויז־אַרטיקלען. מאַנכע אַרטיקלען, ווי, למשל,

שיך, זיינען פאַבריצירט אין קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען, און דאָס איז א גאַראַנטי פאַר גוטער קוואַליטעט און מעסיגע פּרייזען. די קראָם איז ניט געגרינדעט פאַר דעם צוועק פון פּראָפיט און די סחורות ווערען פאַרקויפט מיט א „נאָמינאַלען פּראָפיט״, ד. ה. דער מעגליכסט קלענסטער פּראָפיט, וואָס עס איז נויטיג צו דעקען די הוצאות און דעם דיווידענד אויף די אַקציעס. אויב עס בלייבט א גרעסערער פּראָפיט ווערט עס אויסגעצאָהלט צוריק צו די קונים. יעדער קונה קריגט א „קעש סייווינגס״ קיופּאָן פאַר יעדען אַרטיקעל וואָס ער קויפט. און ווען דיווידענדען ווערען ערקלעהרט, ווערען די קיופּאָנען אויסגעטוישט אין מזומן געלד. די דיווידענדען ווערען איינגעטיילט אין צוויי קלאַסען: פאַר שעהר־האָלדערס (אקציאָנערען) און פאַר זייטיגע קונים.

שעהר־האָלדערס קענען זיין בלויז מעמבערס פון דעם אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג. ווען א מיטגליעד ווערט סוספּענדירט אָדער ער רעזיגנירט ווערט ער דערמיט אויטאָמאַטיש אויס אקציאָנער אין קאָנסומערס קאָאָפּעראַטיוו, און ער קריגט צוריק די סומע פון דעם ווערטה פון זיינע שערס. דער פּרייז פון א שער איז 10 דאָלאַר, און יעדען מיטגליעד איז ערלויבט צו קויפען ניט מעהר ווי 10 שערס. יעדער שער־האָלדער קריגט יעהרליך 5 פּראָצענט אויף דעם קעפּיטאַל סטאָק״, חוץ אַן עקסטרא דיווידענד אין „פּראָפיט־שערינג״, לויט פאַר דער סומע וואָס ער האָט געקויפט סחורה אין די קראָמען.

דער ניו ענגלאַנד האָלסייל קאָאָפּעראַטיוו האָט זיינע אָפיסעס און סקלאַדען אין דער הויז פון דעם אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג און עס איז קיין צווייפעל ניט אז די קאָאָפּעראַטיווען וועלען געווינען איינס פון צווייטען. דער ניו ענגלאַנד האָלסייל קאָאָפּעראַטיוו באַשטעהט פון די פינישע, לעטישע און איטאַליענישע קאָאָפּעראַטיווען וואָס זיינען צושפּרייט איבער ניו ענגלאַנד.

די גרויסע דרוקערייי וואָס דער אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג האָט איינגעריכטעט אין זיין הויז וועט מעגליך מאַכען אָפּט ארויסצוגעבען צייטונגען, בראָשורען און ביכער.



קאָמפּאָוזינג רום און לינאָטייפּ (זעץ) מאַשין פון דער אייגענער דרוקעריי
פון'ם אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג.



פּרעס (דרוק) מאַשין פון דער אייגענער דרוקעריי פון'ם
אינדעפּענדענט ארבייטער רינג.

עס איז דער צוועק פון דעם אינדעפּענדענט ארבייטער רינג צו עפענען אזוי פיעל קאָאָפּעראטיווע קראָמען ווי נאָר מעגליך און עס וועט זיין די אויפגאבע פון די מיטגליעדער צו מאכען מעגליך די גרינדונג פון קאָאָפּעראטיוועז אין זייערע דיסטריקטען, אָדער שטעדט, דורך גאראנטירען די אונטערנעהמונג מיט דער נויטיגער צאָהל שעהרס.

דער אינדעפּענדענט ארבייטער רינג האָט ניט בדעה זיך אָפּצושטעלען ביי דער גרינדונג פון קאָנסום קאָאָפּעראטיוועז. זיין פּראָגראם געהט א סך ווייטער. מיט דער הילף און מיטווירקונג פון זיינע מיטגליעדער האָפט ער אויסצושפּרייטען זיין טעטיגקייט אויף דעם פעלד פון קאָאָפּעראציאָן, סיי קאָנסום, סיי פּראָדוקציאָנס, און אנדערע געביטען.

5. אויסזיכטען פאר דער צוקונפט.

וועגען די אויסזיכטען פאר א ראשער און ערפאָלגרייכער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער מאסען אין אמעריקא איז קיין ספק ניט אז עס זיינען פאראן די בעסטע.

ווי פּאַראַדאָקסאַל די באהויפּטונג זאָל ניט אויסקוקען, איז אָבער, נאָך א גרינדליכען אריינטראכטען זיך אין דער פראגע, דאָך א פאקט אז א דאנק דעם העכערען לעבענס־סטאנדארד וואָס דער אידישער ארבייטער האָט אויסגעקעמפפט פאר זיך איז ער מסוגל פאר דעם געדאנק פון קאָאָפּעראצאָן. דאָס וואָס ביי אנדערע פעלקער אין אנדערע לענדער, און אויך ביי אידען אין אנדערע לענדער, איז די באוועגונג ענטשטאנען אלס א רעטונגס־מיטעל פון א פארצווייפעלט־שלעכטער לאגע, קען ביי די אידישע ארבייטער אין אמעריקא זיך ענטוויקלען אלס רעזולטאט פון א פארבעסערטער ארבייטער־לאגע.

בעת די אידישע ארבייטער לאגע אין אמעריקא איז געשטאנען אויף א נידעריגע שטופע—אין דער צייט פון דער סוועטינג־סיסטעם, לאנגע ארבייטס־שטונדען און קלעגליכע וויידזשעס, איז דער אידעאַל פון יעדען אידישען ארבייטער געווען א גראָסערקע, א לאנטש־

רום, פעדלעריי, וואס־ניט־איז, אבי פטור צו ווערען פון שאפ. יעדע באוועגונג וואס האט געזוכט שלום צו מאכען מיט די שאפ־באדינגונגען האט געמוזט זיין אפשטויסענד פאר דעם פיזיש־און־מאראליש ערנידעריגטען אידישען ארבייטער. „און אז איך וועל שוין קריגען מיט א סענט ביליגער אויף'ן ברייטעל—האט געמוזט זיך פרעגען דער אידישער ארבייטער—וואס איז דער תכלית דערפון?" געווים, די יוניאן וועט אויסקעמפפען בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, איז דאך, הייסט דאס, די יוניאן דער עיקר און דער קאאפעראטיוו א פינפטע ראד צום וואגען. קיין תכלית, קיין אידעאל האט אונטער די באדינגונגען קאאפעראציאן ניט געקענט ווערען ביים אידישען ארבייטער.

ווי גאנץ אנדערש איז די לאגע איצטער. קיין איין אידישער ארבייטער, וואס ארבייט אונטער ערטרעגליכע באדינגונגען, 44 שטונדען א וואך, פאר אן אנשטענדיגען לוין, קען ניט מקנא זיין א פעדלער אדער א גראסערימאן. דער מענשליכער באוואוסטזיין איז דערהויבען געווארען ביים אידישען ארבייטער. ער מוז שוין קוקען מיט באדויערען אויף דעם קרעמעריל וואס שקלאפט ביי זיין קרעמעל אהן א שיעור שטונדען און דרעהט זיך שטענדיג דעם קאפ ווי צו צאהלען די חובות. און דאס מיינט אויך קלאסען־באוואוסטזיין; קלאסען־באוואוסטזיין פון א העכערע מדרגה. אנשטאט זיך רעכענען פאר דעם אונטערשטען קלאס מוז ער קוקען אויף זיך ווי אויף א העכערען, וויכטיגערען און פריווילעגירטערען קלאס ווי דער מיטעלקלאס. שטעהענדיג אויף דעם איצטיגען שטאפעל איז איהם שוין לייכטער צו זעהן דעם האריזאנט וואו ער וועט זיין דער העכסטער און וויכטיגסטער קלאס, און דאס וואס א מאל האט אויסגעזעהן א נעבעלהאפטער חלום ווערט א פארשטענדליכער און מעגליכער ציעל.

דער אידישער ארבייטער קען שוין פון דער ארבייט ניט אנטלויפען; ער האט ניט וואוהין. ער איז שוין צו שטאלץ ארומצוגעהן קלאפען טהירען צו פארדיענען א ניקעל; ער וועט זיך שוין ניט ערנידעריגען צו דער פרנסה פון קלייבען שמאטעס אדער פלעשלאך. ער מוז שוין בלייבען פראלעטאריזירט. זיין פסיכאלאגיע וועט מוזען ווערען א פראלעטארישע.

און דאַן וועט זיך איהם שטעלען די פראַגע, ווי אזוי זאָל ער אָנ־האַלטען די ערוואָרבענע פּאָזיציעס און מאַרשירען ווייטער אויף דעם וועג פון סאָציאַלען פּראָגרעס? די יוניאָן? געוויס! אָבער די יוניאָן איז די ביקס אין דעם אַרבייטער׳ס קאַמפף. אַן אַרמעע—האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט—קעמפפט מיט׳ן מאָגען. דער אונזין פון אַרויס־געהן אין א קאַמפף און זיך פאַרלאָזען אויפ׳ן חסד פון די, זעהר אָפט פיינדליך געשטימטע, קרעמער און קצבים וועט לענגער ניט געדולדעט ווערען. א גרויסער לאַגער פון לעבענס־מיטלען וועט מוז־זען אַנגעקליבען ווערען אין די רייהען פון די אידישע אַרבייטער, פונקט ווי אין די רייהען פון די אַרבייטער ביי אַנדערע פעלקער. און דאָס מיינט א נעץ פון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווען אין די אידישע אַר־בייטער קוואַרטאַלען. די וואַפּע פון אויסהונגערען די אַרבייטער מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסגעשלאָגען ווערען פון די קאַפּיטאַליס־טישע הענד. און דאַן וועט דאָס זיין א קאַמפף פון גלייך אויף גלייך. אויף וועמעס זייט עס וועט זיין דער אמת און יושר דער וועט גע־ווינען.

גליקליכערווייזע איז דאָס ניט בלויז אַן השערה נאָר א פאַקט וואָס ווערט רעאַליזירט. די גרויסע אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַצ־יעס, די יוניאָנס, די אָרדענס, האָבען זיך גענומען צו קאָאָפּעראַצ־יאָן און אָנגעהויבען בויען עקאָנאָמישע פעסטונגען. די מאַכט און איינפלוס, אָרגאַניזאַציאָנס־פעהיגקייט, און פאַרוואַלטונגס־ערפאַה־רענהייט וואָס די אָרגאַניזאַציאָנען ברייגנען דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג איז פון אזא אונגעהויערער באַדייטונג וואָס קיין אידישער קאָאָפּעררייטאָר האָט אפילו ניט גע׳חלום׳ט דערפון.

עס איז געגוג זיך פאָרצושטעלען די אינטערנעשיאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס, די אַמאַלגאַמייטעד, די קעפּ מייקערס און אַנ־דערע יוניאָנס, דער אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג, דער אַרביי־טער רינג פון ניו־יאָרק, און דער נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַר־באַנד—אָט אָ דיעזע אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע אַרבייטער אַרמעען—זיך נעהמען דורכצופיהרען קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעה־מונגען אום זיך צו שאַפען א באַגריף וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישע

מאכט און וואס פאר א נאציאנאלע רייכטהום דאס וואלט פארגעשטעלט מיט זיך!

די אידישע קאאפעראטיווען וואלטען געווען א מוסטער פון ארבייטער סאלידאריטעט אין אמעריקא און דער איינפלוס וואלט זיך געלאזט פיהלען ווייט און ברייט. ניט קוקענדיג וואס די פינישע ארבייטער אין אמעריקא האבען אזא גוטע קאאפעראטיווע באוועגונג איז זי דאך אין דעם אמעריקאנער לעבען כמעט ניט ניכר, ווייל זיי זיינען צושפרייט אין די קלענערע פראווינץ־שטעדט. די אידען אבער, לעבענדיג אין קאמפאקטע מאסען אין די גרויסע שטעדט, וואלטען געקענט דורך א קאאפעראטיווע מאסען־באוועגונג מאכען דעם געווינשטען רושם אויף די ניט־אידישע ארבייטער עלעמענטען, און פארשנעלערען דעם וואוקס פון קאאפעראציאן איבער'ן לאנד.



א בראָנזענע פּלאַטע אויף ראָבערט אָוען׳ס קבר וואָס סימבאָליזירט זיין לעבען.

# REFERENCES:

**George Jacob Holyoake—**

History of Co-operation

The History of the Rochdale Pioneers.

**Lloyd Jones—**

The Life, Times and Labours of Robert Owen.

**Frank Podmore—**

Robert Owen.

**Morris Hilquit—**

History of Socialism in the United States.

הערץ בורגין—

די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג

א. סטאָלינסקי—

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג.

ז. רובאַשאָוו—

די ארץ ישראל ארבייט.

(דין וחשבון פון דער ארץ ישראל קאָמיסיע).